**חנא שמערוק / ירושלים**

# שלום־עליכם און אַמעריקע*

אַמעריקע אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז אַ ביז גאָר וויכטיקע און אינטערעסאַנטע טעמע, פֿון פֿאַרשיידענע קוקווינקלען. אין די ברייטע ראַמען פֿון דער דאָזיקער טעמע האָט שלום־עליכם זיכער פֿאַרדינט אַ גאָר בכּבֿודיק קאַפּיטל.[1] די טעמע שלום־עליכם אין אַמעריקע זעט אויס צו זײַן נאָך מער באַרעכטיקט אין די ראַמען פֿון דער שלום־עליכם־פֿאָרשונג, וואָס האָט זי ביז איצט באַטראַכט בלויז אויבנאויפֿיק און פֿאַרבײַגייענדיק. עס גייט דאָ אין אַ גאַנצער ריי פּראָבלעמען און פּרשות, וואָס וואַרטן נאָך אויף פּרטימדיקע פֿאָרשונגען און פֿאַרלאָזלעכע סך־הכּלען. לאָמיר דאָ דערמאָנען עטלעכע פֿון זיי:

דער סאַמע פּשוטסטער ענין זעט אויס צו זײַן דער ביאָגראַפֿישער — דעם שרײַבערס לעבן אין אַמעריקע און אַלץ וואָס איז דערמיט געווען פֿאַרבונדן, אין די יאָרן 1906־1907 און פֿון סוף 1914 ביז צו זײַן טויט אין 1916.[2] מע וואָלט געדאַרפֿט אויספֿאָרשן די פּערצעפּציע פֿון שלום־עליכמס ווערק אין אַמעריקע. דאָ וואָלט מען דערוואַרט אַ היסטאָרישן איבערבליק פֿון דער אַמעריקאַנער שלום־עליכם־קריטיק פֿון אירע אָנהייבן ביזן הײַנטיקן טאָג. גאָר וויכטיק זעט אויס צו זײַן די פּראָבלעמאַטיק פֿון שלום־עליכמס ווערק אויף דער אַמעריקאַנער בינע, זינט די דורכפֿאַלן בײַ אַדלערן און בײַ טאָמאַשעווסקין, בשעת

* לעקציע געהאַלטן אויף דער 58סטער יערלעכער ייִוואָ־קאָנפֿערענץ: „אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור", דעם 13טן אָקטאָבער 1985.

1. אין בוך פֿון יצחק־אלחנן ראָנטש, אַמעריקע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ניו־יאָרק 1945, איז אַזאַ קאַפּיטל בכלל ניטאָ, אָבער אין דער ביבליאָגראַפֿיע איז אויף ז' 252 פֿאַרצייכנט שלום־עליכמס זאַמלונג אין אַמעריקע (זען וועגן איר ווײַטער, אין הערה 5).

2. דער ביאָגראַפֿישער אַספּעקט האָט מער פֿון אַנדערע זוכה געווען צו מאַטעריאַלן־זאַמלונגען, זכרונות און אַפֿילו פּרוּוון פֿון אַ סך־הכּל. ביז איצט איז דאָס שלום־עליכם־בוך, ניו־יאָרק 1926, און דעם שרײַבערס בריוו, פֿאַרעפֿנטלעכט איינצײַטיק אין דער טאָג (ניו־יאָרק) און אין הײַנט (וואַרשע) אין די יאָרן 1923־1924, דער סאַמע פֿאַרלאָזלעכסטער יסוד פֿאַר יעדער ביאָגראַפֿישער פֿאָרשונג. ביז גאָר וויכטיק איז די אינפֿאָרמאַציע אין י. ד. בערקאָוויטשס זכרונות אין העברעיִש: כתבי י. ד. ברקוביץ, כרך שני, הראשונים כבני־אדם, תל־אביב תשי"ט (וועגן די אַמעריקאַנער תּקופֿות זז' קיט־קטו, שכח־שמח) און אין ייִדיש: י. ד. בערקאָוויטש, אונדזערע ראשונים, תּל־אָבֿיבֿ 1966, בוך צוויי, זז' קנו־רכו; בוך פֿינף, זז' קנד־רכז. אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן שלום־עליכמס ערשטן וויזיט אין אַמעריקע האָט אָנגעשריבן קלמן מרמר, „שלום־עליכמס ערשטער באַזוך אין אַמעריקע (אַ ביסל זכרונות)", ייִדישע קולטור, 6 (1939), זז' 23־27. אַ גאָר טענדענציעזן פּרוּוו פֿון אַ סך־הכּל פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿישער טעמע האָט געמאַכט שכנא עפּשטיין, „שאָלעם־אַלייכעם אין אַמעריקע" סאָוועטיש, 12 (1941), זז' 307־359. די אַרבעט איז געבויט דער עיקר אויף מאַטעריאַלן פֿונעם שלום־עליכם־בוך מיט אַ ביסל מסופּקדיקע, ניט־דאָקומענטירטע זכרונות. די טענדענץ פֿון דעם סך־הכּל איז אַ בפֿירוש אַנטי־אַמעריקאַנישע, מיט אַ פּרוּוו אַרויסצוהייבן שלום־עליכמס נאָענטע באַציִונגען דווקא מיט די ראַדיקאַלע קרײַזן אין ניו־יאָרק.





שלום־עליכמס ערשטן וויזיט אין אַמעריקע[3] און ביז דער ריזיקער הצלחה פֿון דער פֿידלער אויפֿן דאַך. ס'וואָלט גוט געווען פּרוּוון אויסצוגעפֿינען ווי אַזוי ס'האָט שלום־עליכמען אויפֿגענומען דער אַמעריקאַנער ייִדישער און ניט־ייִדישער לייענער. די געשיכטע און די לייזונגען פֿון די אַמעריקאַנער שלום־עליכם־איבערזעצונגען זענען אַן ענין פֿאַר זיך.[4]

איך קלײַב זיך דאָ ניט צונויפֿצושטעלן אַ רשימה פֿון פֿאָסטולירטע פֿאָרשפּראָיעקטן, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט דער טעמע שלום־עליכם און אַמעריקע. ס'איז אָבער פֿאַר אונדז אַלעמען קלאָר, אַז דער עיקר איז דאָ די אַמעריקאַנער טעמאַטיק אין שלום־עליכמס שעפֿערישער ירושה.[5] וויל איך טאַקע פּרוּוון פֿאַרסך־הכּלען אויף אַ סיסטעמאַטישן אופֿן עטלעכע אַספּעקטן פֿון דער אַמעריקאַנער טעמע אין שלום־עליכמס שריפֿטן, אין אַ היסטאָריש־ליטעראַרישער פּערספּעקטיוו.

## א

אָנהייב נאָוועמבער 1906, קורץ נאָך שלום־עליכמס אָנקומען אין אַמעריקע צום ערשטן מאָל, האָט זיך אין דער ניו־יאָרקער ייִדישער פּרעסע באַוויזן דעם שרײַבערס אַן עפֿנטלעכער דאַנקבריוו, פֿאַר דעם פֿײַערלעכן קבלת־פּנים אין גראַנד־האָטעל. אין בריוו לייענען מיר, צווישן אַנדערע, די ווײַטערדיקע פֿילזאָגנדיקע דעקלאַראַציע:

> [...] דאָס ביסל ייִדן, וואָס זענען דורך גאָטס האַנט אַריבערגעוואָרפֿן געוואָרן אַהער אָן אַ שום סדר און אָן אַ פֿריִער באַטראַכטן און אויסגעאַרבעטן פּלאַן,

3. זען בײַ בערקאָוויטשן און בײַ עפּשטיינען. וועגן די אויפֿפֿירונגען האָט געשריבן און געזאַמלט מאַטעריאַלן אַ. שולמאַן, „שלום־עליכמס סצענישער דעביוט אין אַמעריקע", ייִוואָ־בלעטער, 4 (1932), זז' 419־431. וועגן דער אויפֿפֿירונג פֿון סטעמפּעניו בײַ באָריס טאָמאַשעווסקי, זען אין דער ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטער דיסערטאַציע פֿון יעקבֿ ווײַצנער, הדרמה של שלום־עליכם ומימושה הבימתי, ירושלים, 1982 זז' 1־52, 264־281.

4. די עיקרדיקע ביבליאָגראַפֿיעס פֿון ענגלישע איבערזעצונגען:
U[riel] W[einreich], "Guide to English translations of Sholom Aleichem", **The Field of Yiddish,** New York 1954, pp. 285—291; D.N. Miller, "Sholem Aleichem in English: the Most Accessible Translations", **Yiddish,** vol. 2, No. 4, 1977, pp. 61—70;
דינה אַבראַמאָוויטש, ענגלישע איבערזעצונגען פֿון ייִדישער ליטעראַטור, ביכער אַרויסגעגעבענע 1945־1967 — מיט אַ צוגאָב־רשימה ביז אַפּריל 1968, ניו־יאָרק 1968. וועגן די שלום־עליכם־איבערזעצונגען אויף ענגליש האָבן געשריבן:
J. Shatzky, "The Untranslabable Translated", **Melekh Grafstein's Sholem Aleichem Panorama,** London 1948, pp. 55—59; R.S. Kachuck, "Sholem Aleichem's Humor in English Translation", **YIVO Annual,** 11 (1956—1957), pp. 39—81.

5. אַ פּרוּוו צונויפֿצוזאַמלען שלום־עליכמס ווערק אויף אַמעריקאַנער טעמעס איז געמאַכט געוואָרן אין באַנד אין אַמעריקאַ, „לעצטע שריפֿטן, געשריבן אין אַמעריקאַ, אין די יאָהרען 1915־1916", פֿערלאַג „וואַרהייט", ניו־יאָרק 1918. אין דעם באַנד זענען אַרײַן: „מאָטל פּייסי דעם חזנס אין אַמעריקע", דער איינאַקטער „עולם־הבא" און די צוויי מאָנאָלאָגן „אַ מעשׂה מיט אַ גרינהאָרן" און „מיסטער גרין האָט אַ דזשאַב". אין דער אַנטאָלאָגיע אַמעריקע אין ייִדישן וואָרט, געקליבן און צונויפֿגעשטעלט נ. מײַזיל, ניו־יאָרק 1955, איז שלום־עליכם פֿאַרטראָטן מיטן ליד „שלאָף מײַן קינד" (ז' 76) און מיטן ערשטן קאַפּיטל פֿון „מאָטל פּייסי דעם חזנס אין אַמעריקע" (זז' 77־81). וועגן דער דאָזיקער טעמאַטיק האָט געשריבן: S. Liptzin, "Sholem Aleichem Scans America" אין גראַפֿשטיין שלום־עליכם־פּאַנאָראַמע (זען הערה 4) זז' 30־31.

האָבן אין די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר, ווי עס שײַנט, שטאַרק פּראָגרעסירט, אויסגעוואַקסן און געשאַפֿן פֿון זיך אויף דעם גליקלעכן באָדן פֿון דעם פֿרײַען לאַנד אַ מאַכט, וועלכע דאַרף [...] גאָר אין גיכן אָנהייבן צו שאַפֿן אויך אַ נײַע גלענצנדע עפּאָכע אין אונדזער אַלטער היסטאָריע.[6]

די דאָזיקע פּאַטעטישע רייד זענען באַהויכט מיט נבֿיאישער אינטויציע וועגן דער ראָלע וואָס איז דעם אַמעריקאַנער ייִדישן יישובֿ באַשערט געווען צו שפּילן אין דער ייִדישער געשיכטע במשך פֿון אונדזער יאָרהונדערט. שוין דעמאָלט, אין 1906, האָט שלום־עליכם געוווּסט אָפּצושאַצן אויף אַ געהעריקן אופֿן דעם כּוח, וואָס ייִדן האָבן געוווּנען אין אַמעריקע. כּדאַי צו דערמאָנען, אַז שלום־עליכם אַליין איז געווען אַ לעבעדיקער עדות פֿון די צוויי גורלדיקע עמיגראַציע־שטראָמען פֿון מיזרח־אייראָפּע קיין אַמעריקע, וואָס האָבן אין גאָר אַ גרויסער מאָס געהאָלפֿן שאַפֿן דעם יסוד פֿון דעם דאָזיקן כּוח. ווי אַ שרײַבער און אָנפֿאַנגער, האָט ער זיך געהאַט דירעקט אָפּגערופֿן אויף דער עמיגראַציע פֿון די אַכציקער יאָרן. די עמיגראַציע פֿון נאָך 1905 האָט ער פּאַקטיש אַליין מיטגעמאַכט, ווײַל בשעת זײַן ערשטן וויזיט אין אַמעריקע קען אויך ער באַטראַכט ווערן ווי אַן עמיגראַנט, אַן אַנטלאָפֿענער פֿון קיִעווער פּאָגראָם.[7]

אַז מע באַטראַכט די דעקלאַרירטע וויכטיקייט פֿון דער ייִדישער עמיגראַציע קיין אַמעריקע אין שלום־עליכמס נאַציאָנאַלן און אידעאָלאָגישן וועלטבאַנעם, טאָר מען ניט פֿאַרגעסן, אַז ער אַליין איז געווען אַ הייסער חובֿבֿי־ציון און שפּעטער אַן איבערגעגעבענער הערצליאַנער ציוניסט. אין פּרינציפּ קען גאָר קיין ספֿק ניט זײַן, אַז זײַן אידעאַל איז געווען דער יישובֿ פֿון ארץ־ישׂראל.[8] די אויבנאויפֿיקע סתּירה מיט זײַן אייגענער אידעאָלאָגיע האָט אים אָבער ניט געשטערט צו באַנעמען און פֿאַרויסזען די ראָלע פֿון דער אַמעריקאַנער עמיגראַציע אין גאַנג פֿון דער ייִדישער געשיכטע. ער איז דערבײַ זיכער געווען, אַז אין דער עצם מעגלעכקייט פֿון דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט זיך אַנטפּלעקט די „האַנט" פֿון דער געטלעכער השגחה, וואָס האָט בײַ צײַטנס געשאַפֿן אַ ליִיזונג פֿאַר ייִדן פֿון מיזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן פֿון דאָרטן געמוזט אָדער געוואָלט אַנטלויפֿן.

שלום־עליכמס גלויבן אין דער געטלעכער השגחה, וואָס שייך דער ייִדישער עמיגראַציע קיין אַמעריקע, איז געקומען צום אויסדרוק אין זײַנע שריפֿטן סײַ אַ סך פֿריִער, פֿאַר 1906, אין סאַמע אָנהייב פֿון זײַן ייִדיש־שאַפֿן, סײַ שפּעטער, אין אַמעריקע, אין די סאַמע לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן. אין יאָר 1884 האָט שלום־עליכם אָפּגעדרוקט

6. אין כּמעט אידענטישע נוסחאות איז דער בריוו אָפּגעדרוקט אין פֿאָרווערטס און אין דיא וואַרהייט דעם 4טן נאָוועמבער 1906. אין פֿאָרווערטס מיטן קעפּל: „אַ בריוו פֿון שלום־עליכמען. דער נײַ־איבערגעקומענער ייִדישער שרײַבער באַדאַנקט פֿאַר זײַן קבלת־פּנים וואָס מען האָט אים געגעבן און דריקט אויס אַ פּאָר מיינונגען וועגן אַמעריקע". אין דיא וואַרהייט: „שלום־עליכם וועגן ייִדן אין אַמעריקע".
7. וועגן די צוויי גרויסע עמיגראַנטישע שטראָמען זען:
Mark Wischnitzer, **To Dwell In Safety**, Philadelphia 1948, pp. 37—66, 105—112.
8. זען זײַנע „ציוניסטישע" שריפֿטן צונויפֿגעקליבן אינעם באַנד אויף וואָס באַדאַרפֿן ייִדן אַ לאַנד, תּל־אָבֿיבֿ 1978.





אַ רעצענזיע אויפֿן רוסישן בוך V Ameriku! (אין אַמעריקע) פֿונעם ייִדישן סטודענט י. מ. פּעטריקאָווסקי,[9] וואָס האָט באַגלייט אַ גרופּע עמיגראַנטן און איז צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד. סײַ דער מחבר פֿון בוך, סײַ דער רעצענזענט זענען אין תּוך געווען חובֿבֿי־ציון. דאָס בוך באַשרײַבט דעם דורכפֿאַל פֿון די „עם־עולם"־קאָלאָניעס אין אַמעריקע, אָנהייב אַכציקער יאָרן. און דאָך האָט דער דעמאָלט יונגער שרײַבער און רעצענזענט געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו באַמערקן, דערמאָנענדיק די פּאָגראָמען פֿון „צוריק מיט אַ יאָר 3־4":

> אַז איך האָב אויסגעלייענט דאָס בוך, האָב איך צו מיר אַליין געזאָגט: „גאָט שיקט טאַקע די רפֿואה פֿאַר דער מכּה!" גאָט איז אַזוי גוט און האָט ליב זײַן וועלטל, אַז ער האָט זיך מטריח געווען צו באַשאַפֿן סם, וועלכעס זאָל קעגנווירקן קעגן סם (קעגנגיפֿט), אַנדערש האָט דאָס גאָר נישט געקענט זײַן![10]

דער קעגנגיפֿט צו די פּאָגראָמען איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען די מעגלעכקייט פֿון עמיגראַציע קיין אַמעריקע.

מיט קנאַפּע דרײַסיק יאָר שפּעטער, וועט די דאָזיקע טיפֿע איבערצײַגונג ווידער אויפֿשווימען אין די רייד פֿון יאַנקל יונעווער פֿון קרושניק, אין שלום־עליכמס „מעשׂיות פֿון טויזנט איין נאַכט". דער דאָזיקער שלום־עליכם־איובֿ פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה הייבט אָן זײַנע רייד מיט דער אונדז שוין גוט באַקאַנטער אַנטפּלעקונג:

> ס'איז עפּעס היימלעכער אויף דער נשמה צו וויסן, אַז אונדזער שלום־עליכם, איר פֿאַרשטייט צי ניין, פֿאָרט אויך מיט אונדז, פּשוטע עמיגראַנטן, אויף איין שיף אַהין, אין יענעם לאַנד אַרײַן וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן פֿון ייִדנס וועגן, זיי זאָלן האָבן וווּהין צו אַנטלויפֿן, אַז עס טרעפֿט זיך אַ צרה שלא תבוא, אַן אומגליק, אַ פּאָגראָם, אַ מלחמה... (באַנד 3, ז' 137).[11]

עס רעדט זיך דאָ וועגן דער נסיעה פֿון קאָפּענהאַגען קיין ניו־יאָרק, סוף 1914, בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין קאָפּענהאַגען און אויף דער שיף האָט שלום־עליכם זיך באַגעגנט פּנים־אל־פּנים מיט די ייִדישע קרבנות פֿון דער מלחמה.

אין שלום־עליכמס וויכטיקסטן בוך וועגן דער ייִדישער עמיגראַציע קיין אַמעריקע, מאָטל פּייסי דעם חזנס, לייענען מיר אין צווייטן טייל, געשריבן קורץ פֿאַר זײַן טויט:

> דו האָסט פֿאַרגעסן, אַז אַמעריקע איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿון גאָט אויף שׂרץ און באַהעלטעניש פֿאַר די אַלע, וואָס ווערן געיאָגט און געפּלאָגט, געשטויסן און געטריבן פֿון אַלע עקן פֿון דער וועלט?... (באַנד 19, ז' 64).[12]

9. I.M. Petrikovski, **V Ameriku — Iz pamiatnoi knizhki studenta-emigranta,** Kiev 1884
10. יודישעס פֿאָלקסבלאַט, נומ' 19 (1884), ז' 291.
11. דאָ און ווײַטער ווערט אין קלאַמערן אָנגעוויזן דער באַנד און די זײַטנצאָלן אין דער „פֿאָלקס־פֿאָנד"־אויסגאַבע פֿון שלום־עליכמס ווערק, אויב דער טעקסט איז דאָרטן איבערגעדרוקט געוואָרן.
12. וועגן דער שפּערישער געשיכטע פֿון דעם בוך און ווו ס'זענען צום ערשטן מאָל דערשינען די טיילן און קאַפּיטלעך פֿונעם בוך זען: ח. שמרוק, „סיפּורי מוטל בן החזן לשלום־עליכם: הסיטואציה האפית ותולדות הספר", סימן קריאה, 12־13 (1981), זז' 310־326.

דאָ באַקומט דער גלויבן אין דער געטלעכער השגחה אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער. און כאָטש שלום־עליכם לאָזט אונדז הערן די דאָזיקע רייד פֿון „אונדזער חבֿר פּיניעס" מויל, דאַרף מען ניט ספֿקן אין זייער האַפֿט לגבי דעם מחבר פֿון בוך.

אין אָנבליק פֿון דער דאָזיקער לאַנגדויערנדיקער שטעלונג פֿונעם שרײַבער לגבי דער וויכטיקייט פֿון דער ייִדישער עמיגראַציע קיין אַמעריקע, שווימט פֿון זיך אַליין אַרויף די שאלה, אויף וויפֿל שלום־עליכמס דעקלאַראַטיווע אַרויסזאָגונגען האָבן געפֿונען אַן אַדעקוואַטן אויסדרוק אין זײַנע קינסטלערישע ווערק.

די תּשובֿה אויף דער דאָזיקער שאלה איז ווײַט ניט קיין פּשוטע און איינדײַטיקע. אוודאי קען מען זי מיט קיין כּמותדיקע מאָסן ניט פֿאַרענטפֿערן. פֿון דעסטוועגן איז שוין איצט כּדאַי צו דערמאָנען אַזעלכע ווערק ווי מאָטל פּייסי דעם חזנס, דעם דריטן טייל פֿון בלאָנדזשענדע שטערן, די קאָמעדיע גאָלדגרעבער, דעם ניט־פֿאַרענדיקטן ראָמאַן דער מיסטייק, צוזאַמען מיט עטלעכע צענדליק קלענערע דערציילונגען, איינאַקטערס און פֿעליעטאָנען, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דער אַמעריקאַנער טעמע אין שלום־עליכמס שרײַבערישער ירושה. און אויך לגבי זיי אַלע קען מען שוין איצט פֿאַראַלגעמיינערן און זאָגן, אַז די אַמעריקאַנער טעמאַטיק איז בײַ שלום־עליכמען אַזוי טיף געבונדן מיט דער באַשריבענער רעאַליטעט פֿון אינדיווידועלע מענטשלעכע גורלות אין דער שטורמישער עמיגראַנטישער סטיכיע, אַז אָפֿט מאָל פֿאַרלירן זייער האַפֿט אין דער קאָנקרעטער קינסטלערישער געשטאַלטונג אַלע דעקלאַראַטיווע אָפּשאַצונגען פֿון גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן.

הגם ניט אַזוי פֿאָרמולירט, האָט עס שלום־עליכם אַליין גאַנץ גוט געוווסט. גלײַך נאָך די פֿריִער ציטירטע דעקלאַראַטיווע רייד וועגן אַמעריקע אין 1906, האָט ער זיך אין דעם זעלביקן דאַנקבריוו עפֿנטלעך געקלאַפּט על־חטא פֿאַר זײַנע אייגענע און פֿרעמדע קריטישע רייד וועגן אַמעריקע און אירע ייִדן. די שאַרפֿע און טייל מאָל דעמאַסקירנדיקע, בײַסיקע, קריטיק שאַפֿט אין שלום־עליכמס ירושה אַ שפּאַנענדיקן דיאַלעקטישן ווידעראַנאַנד, וואָס באַרײַכערט און פֿאַרטיפֿט די פּראָבלעמאַטיק, בעת זי ווערט קאָנפֿראָנטירט מיט דעם דעקלאַראַטיוו־פּאָזיטיוון כאַראַקטער פֿון דירעקטע אַרויסזאָגונגען.

לאָמיר טאַקע פּרוּוון כאַפּן אַ בליק אין די ווערק גופֿא.

ב

במשך פֿון אַלע יאָרן פֿון זײַן שאַפֿן האָט שלום־עליכם אַבסאָרבירט און קינסטלעריש פֿאַראייגנט אין זײַנע ווערק געשעענישן און פּראָצעסן וואָס ער האָט מיטצײַטלעריש איבערגעלעבט און מיטגעמאַכט. אַקטואַליסטישע רעאַקציעס און טענדענצן געהערן צו די וויכטיקסטע יסודות פֿון זײַן שאַפֿן. דאַרף דעריבער קיין וווּנדער ניט זײַן, אַז לאַנגע יאָרן נאָך איידער ער איז געקומען צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע אין 1906, איז די אַמעריקאַנער טעמע שוין געווען פֿאַרטראָטן אין זײַנע ווערק אויף אַ גאַנץ קענטיקן אופֿן.

אין יאָר 1892 האָט שלום־עליכם, פּובליקירט זײַן באַרימט וויגליד „שלאָף מײַן קינד!"[13] דאָס ליד זינגט אַ וויינענדיקע, פֿאַרבענקטע און פֿאַרייִאושטע פֿרוי. איר מאַן, דער פֿאָטער פֿונעם קינד אין וויג, איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין אַמעריקע. דאָס קינד

13. קול מבֿשׂר צו דער יודישער פֿאָלקסביבליאָטהעק, אָדעס 1892, זז׳ 25־26.





ווערט פֿאַרוויגט מיט דערוואַרטונגען, אַז דער פֿאָטער וועט דאָך שיקן בריוולעך און וועט זיי אַ מאָל אָנטקעגנפֿאָרן.

מיר שטויסן זיך דאָ אָן אויף אַ מן־הסתּם גאַנץ אָפֿטער סיטואַציע אין יענע יאָרן, פֿון צעשיידטע משפּחות אין גאַנג פֿון דער עמיגראַציע. ווי טרעפֿלעך שלום־עליכם האָט זיך דאָ אָפּגערופֿן אויף אַן אָנגעווייטיקטער פּראָבלעם קען מען דרינגען פֿון דער גאָר גרויסער פֿאַרשפּרייטונג פֿון דעם ליד. שוין אין 1901, סך־הכּל נײַן יאָר נאָך דער פּובליקאַציע, איז דאָס ליד פֿאַרצייכנט געוואָרן ווי אַן אַנאָנים פֿאָלקסליד, וואָס מ׳האָט געזונגען אין ווייניקסטנס פֿינף גובערניעס, פֿון דער קאָוונער גובערניע אין צפֿון ביז דער פּאָלטאַווער אין דרום.[14]

כאָטש מיר געפֿינען אין ליד אויך האָפֿערדיקע דערוואַרטונגען פֿון אַמעריקע:

דאָס ,אַמעריק׳ איז פֿאַר יעדן,
זאָגט מען, גאָר אַ גליק,
און פֿאַר ייִדן אַ גן־עדן,
עפּעס אַן אַנטיק.

דאָרטן עסט מען אין דער וואָכן
חלה, זונעניו!
ייַכלעך וועל איך דיר דאָרט קאָכן,
שלאָף זשע, שלאָף ליו־ליו!

איז אין יסוד דאָס ליד אָבער דאָך אַן אויסדרוק פֿון די סאַמע פּײַנלעכסטע איבערלעבונגען וואָס האָבן באַגלייט דעם עמיגראַנטישן שטראָם. ניט תּמיד איז די צעשיידונג פֿון משפּחות געבליבן בלויז אַ צײַטווײַליקע.

שוין אין די נײַנציקער יאָרן האָבן די שאָטנזײַטן פֿונעם עמיגראַנטישן שטראָם געצויגן שלום־עליכמס אינטערעס און זיי האָבן געפֿונען אַ גאַנץ בולטן אָפּקלאַנג אין זײַנע ווערק. די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע דעגראַדאַציע, וואָס אַ טייל פֿון די ייִדישע עמיגראַנטן האָט איבערגעלעבט אין אַמעריקע, איז אַ טעמע וואָס חזרט זיך איבער בײַ אים ניט איין מאָל. אין אַ העברעיִשער, ניט־פֿאַרענדיקטער דערציילונג פֿון 1890 האָט שלום־עליכם שוין געהאַט אָנגעוויזן אויף דער גאָר ניט־פֿויגלדיקער סיטואַציע פֿון געוועזענע סוחרים, פֿאַרקויפֿערס, מעקלערס און אַנדערע ייִדן, וואָס קומען קיין אַמעריקע אָן אַ פֿאַך. אין אַמעריקע קענען זיי ווערן בלויז פּעדלערס און האָרעווען שווער, אָן אַ שבת און אָן אַ יום־טובֿ. די דערציילונג איז געשריבן מיט אַ קלאָרער ציוניסטישער טענדענץ, און דערפֿאַר קען זי מן־הסתּם ניט זײַן מאָסגיביק אין אירע פֿאַראַלגעמיינערונגען,

14. **Ievreiskie narodnyie piesni v Rossii.** Sobrany i izdany S.M. Ginzburgom i P.S. Marekom, Peterburg 1901, pp. 73—74, No. 82. זען וועגן דעם ליד: חנה גאָרדאָן־מלאָטעק, „מוזיק און ליד אין שלום־עליכמס לעבן און שאַפֿן", די גאָלדענע קייט 115 (1985), זז׳ 100־101 און אין די געהעריקע הערות אויף ז׳ 104; מאַקס גאָלדין, „שאָלעם־אַלייכעם אין דער פֿאָלקסליד", סאָוועטיש היימלאַנד, 10 (1985), זז׳ 140־144.

אַפֿילו לגבי שלום־עליכמס שטעלונג.[15] פֿאַראַן דאָ, און אויך ווײַטער, אין שפּעטער דערמאָנטע ווערק, סימנים פֿון שלום־עליכמס משׂכּילישע פּראָדוקטיוויזאַציע־שטרעבונגען, וואָס האָבן זיך ניט געקענט קיין עצה געבן מיטן ייִדישן דעקלאַסירטן מיטלשטאַנד. דעריבער איז זײַן שטעלונג אין אָט דער פֿראַגע ניט תּמיד קלאָר און איינדײַטיק. אין 1894 האָט ער ווידער געשריבן:

> אַמעריקע, לעבן זאָל דאָס! ווו האָט איר נאָך אַזאַ גליקלעך לאַנד אויף דער גאָרער וועלט, ווו ייִדן, פֿײַנע לײַטישע מענטשן, וואָס אין דער היים זענען זיי געגאַנגען אין שטרײַמלעך, ניט געטאָן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, גייען דאָרט אַרום פֿראַנק און פֿרײַ מיט די קאָראָבקעס אויף די פּלייצעס, זיצן ווי די שׂררות בײַ מאַשינעס און אַרבעטן זאָקן [...][16]

אויך דאָ קען מען ניט זײַן זיכער מיט שלום־עליכמען, וואָס שייך זײַן שטעלונג לגבי די פֿײַנע ליידיק־גייערס פֿון דער אַלטער היים, וואָס ווערן אין אַמעריקע נעבעך פֿאַרשוואַרצט. דער אָפֿענער סאַרקאַזם לגבי זיי איז דאָ גאַנץ קלאָר. אַנדערש זעט עס אָבער אויס אין דעם זעלביקן טעקסט, ווען שלום־עליכם שרײַבט וועגן אַ קאָנקרעטן פֿאַל און נעמט זיך אָן די קריוודע פֿונעם העברעיִשן פּאָעט מנחם־מענדל דאָליצקי (1856־1931), וואָס איז אין 1892 געקומען קיין אַמעריקע. שלום־עליכם האָט שוין אין 1894 געוווּסט צו דערציילן וועגן אים, אויפֿן סמך פֿון זײַנע בריוו:

> עס טרעפֿט אַז אַן איידעלער אינטעליגענטער מענטש שלאָגט צו חלילה אַהין, — ווי טיף אומגליקלעך, ווי ווײַט פֿאַרוואָגלט ער איז! עס ליגן בײַ מיר בריוו פֿון אונדזערן אַ יונגן ייִדישן גײַסטפֿולן פּאָעט ה׳ דאָליצקי, וועלכן די בייזע כוואַליעס האָבן אַרויסגעוואָרפֿן פֿון מאָסקווע קיין ניו־יאָרק — רבונו־של־עולם! וויפֿל טרערן, וויפֿל בלוט! אַ שטיין דאַרף צעגאָסן ווערן, לעזנדיק די דאָזיקע קינות, די קלאָגבריוו פֿונעם אומגליקלעכן יונגן פּאָעט, וואָס האָט פֿאַרבראַכט די בעסטע יאָרן זײַנע אויף לידער שרײַבן און ניט אויף צו לאַטען הויזן — ער האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער ניו־יאָרק מיט זײַנע לידער אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אַרויסגעזען באַשײַמפּערלעך, אַז קאָלבאַסעס, דאַרע קישקעס, איז אינעם פֿרײַען לאַנד אַ סך מער סחורה, ווי

15. פרוזדור וטרקלין" אין שלום־עליכם, כּתבים עבריים, אסף וההדיר והוסיף מבוא והערות חנא שמרוק, ירושלים 1976, עמ׳ 188. זען דאָרטן אויך אין די אַרײַנפֿיר־באַמערקונגען זז׳ 182־184. אין פֿאַרגלײַך מיט דער דערציילונג איז גאָר באַלערעוודיק דאָס סיום־קאַפּיטל פֿון אין שטורעם, „אייביקע וואַנדערער", ווו די מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע נאָכן פּאָגראָם (1905) ווערט קאָנפֿראָנטירט מיטן איין־און־איינציקן עמיגראַנט קיין ארץ־ישׂראל (באַנד 7, זז׳ 125־221). טובֿיה „קלײַבט" אויס ארץ־ישׂראל און וויל ניט פֿאָרן קיין אַמעריקע (באַנד 5, זז׳ 184־185). זען אויך הערות 20, 26.

16. פֿון שלום־עליכמס „גרוס פֿון דער היים", צום ערשטן מאָל דערשינען אין פֿילאַדעלפֿיער שטאָטצײַטונג, 1894. דאָ ציטירט פֿון שלום־עליכם, פֿעליעטאָנען, תּל־אָבֿיבֿ 1976, ז׳ 38.





> די הייליקע ריינע פּאָעזיע — און דער פּאָעט דאָליצקי איז געוואָרן צו מזל אַ קאָלבאַסניק...[17]

דאָ איז שלום־עליכמס שטעלונג צו דער דעגראַדאַציע פֿונעם העברעיִשן פּאָעט גאָר און גאָר אַ קלאָרע. זי איז איינדײַטיק נעגאַטיוו לגבי דעם דאָזיקן ספּעציפֿישן פֿאַל.

ווי באַקאַנט, האָט שלום־עליכם נאָך אין 1903 געבראַכט זײַן מנחם־מענדל קיין אַמעריקע. זײַן איינציקער בריוו צו שלום־עליכמען פֿון ניו־יאָרק, בלויז אין דעם ערשטן צײַטונג־נוסח פֿון דעם בוך, איז איראָניש באַטיטלט „אַ געבענטשט לאַנד". דאָ איז די דעגראַדאַציע פֿונעם מיטלשטאַנד־עמיגראַנט שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף אַ גאָר בולטן אופֿן. עס ווערט דאָרט דערציילט וועגן איינעם, וואָס איז אין דער היים געווען „אַ ייִד אַ בעל־הבית מיט אַ דירה אַן אייגענע, מיט שיינע מחותּנים און קינדער".

> ער האָט באַקומען אַן אָרט אין אַ וועשפֿאַבריק, און ער מאַכט אַ לעבן. מאָלט אײַך, אַז אַך און וויי איז צו אַזאַ „מאַכן" און צו אַזאַ „לעבן"! נאָר דאָך בעסער פֿון גאָרניט איז דאָס שוין. זײַן עובֿדה איז — ציילן און סאָרטירן דאָס קויטיקע גרעט אויף דער פֿאַבריק: מענערהעמדער באַזונדער און פֿרויענהעמדער באַזונדער, און נאָך דעם גייען מחילה, תּחתּונים, זאָקן און קאַפּטשעס. אַ קאַפּטשע צו אַ קאַפּטשע — דאָס באַדאַרף ער, זאָגט ער, סאָרטירן קויטיקערהייט און מאַכן סימנים, מ׳זאָל זיי חלילה ניט פֿאַרבײַטן — זייער אַ מיאוסע מלאכה, זאָגט ער, און אַ נודנע. ובפֿרט, זאָגט ער, אַז ער איז דערצו גאָרניט געוווינט געוואָרן [...][18]

17. פֿון שלום־עליכמס „צו דער ,טויב׳", צום ערשטן מאָל אַרויס אין די טויב, פּיטסבורג 1894. דאָ ציטירט פֿונעם באַנד פֿעליעטאָנען, ז׳ 28. זען: כתבי הלל בן זאב מלאכובסקי, ספר שני, ברוקלין ת"ש, ז׳ 64. וועגן דאָליצקין זען אין די לעקסיקאָנען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און אויך אין ג. קרסל, לכסיקון הספרות העברית בדורות האחרונים, א, מרחביה 1965, זז׳ 538־540. וועגן דער תּקופֿה זען אויך א. ר. מלאכי, „שלום־עליכם אין ייִדיש־אַמעריקאַנער פּרעסע", פֿרײַע אַרבעטער־שטימע, 1טער, 15טער יולי, 15טער אויגוסט, 15טער אָקטאָבער 1960.

18. וועגן דער געשיכטע פֿון די מנחם־מענדל־טעקסטן זען אַ. נוברשטרן, „,מנחם־מנדל׳ לשלום־עליכם: בין תולדות הטקסט למבנה היצירה", תרביץ, נד (1985), זז׳ 105־146. דאָרטן איז אויף זז׳ 145־146 פֿאַרצייכנט אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון די מנחם־מענדל־טעקסטן, 1892־1909. דער געזעגענונג־בריוו איז אַרויס אין צוויי פּאַראַלעלע, אָבער ניט־אידענטישע נוסחאות — אין אַמעריקע: „קיין אַמעריקע (צוויי לעצטע בריוו פֿון מנחם־מענדל)", דיא צוקונפֿט, 2 (1903), זז׳ 30־36 — און אין מזרח־אייראָפּע: „אַדיע! (דער לעצטער בריוו פֿון מנחם־מענדלען)", דער פֿרײַנד נומ׳ 220 פֿונעם 22סטן אָקטאָבער 1903. דער איינציקער בריוו פֿון אַמעריקע „אַ געבענטשט לאַנד (אַ בריוו פֿון מנחם־מענדלען פֿון אַמעריקע)" איז אַרויס נאָר אין דער פֿרײַנד, נומ׳ 1 פֿונעם 1טן יאַנואַר 1904. דאָ ציטירט פֿון שלום־עליכם, מנחם־מענדל (ניו־יאָרק־וואַרשע־ווין־יעהופּעץ), תּל־אָבֿיבֿ 1976 (ס׳פֿעלט דאָ דאָס קעפּל פֿון בריוו), ז׳ 31. דער דאָזיקער דעגראַדאַציע־מאָטיוו חזרט זיך איבער אין שלום־עליכמס כּתבֿים ממש ביז די לעצטע יאָרן פֿון זײַן שאַפֿן. דער מיסטייק איז אַ ניט־פֿאַרענדיקטער ראָמאַן וואָס איז אַרויס אין המשכים אין דער טאָג פֿונעם 30סטן אָקטאָבער ביזן 25סטן דעצעמבער 1915. דאָ און ווײַטער ווערט ער ציטירט פֿונעם איבערדרוק אין סאָוועטיש היימלאַנד, 2 (1961), זז׳ 91־106 און 3 (1961), זז׳ 89־102. מיר לייענען דאָרטן: „[...] זי איז אַ מאָל געווען אַ באַלעבאָסטע מיט אַן אייגענער שטוב דאָרט בײַ זיך אין דער היים און האָט געהייסן מאַדאַם בלומענפֿעלד און האָט געהאַלטן אַ דינסט, צוויי דינסטן, און דאָ איז זי אַן אָרעמע אַלמנה און קאָכט אַליין און באַקט אַליין און הייסט מיסיס פֿעלד און מער גאָרנישט..." (ז׳ 89).

מנחם־מענדלס מיטגעפֿיל מיט דעם דאָזיקן ייִדן איז דאָ אין גאַנצן קלאָר, ווײַל ער אַליין דרייט זיך אַרום אין ניו־יאָרק אַ דערנידעריקטער און אַן איבעריקער:

> פֿאַר ענגשאַפֿט, אַ פּנים, און פֿאַר גרויס אײַלעניש האָט מען מיך מכבד געווען אַלע מאָל מיט אַ שטורך אין זײַט אַרײַן און מיט אַ שטויס פֿון הינטן און מיט אַ זאָג בשעת־מעשׂה: „גיי די דעוול", דער פּשט איז: „צו אַל די שוואַרצע יאָר!" פֿון אַזאַ מין באַנעמונג האָב איך אויסגעזען בײַ זיך אין די אויגן ווי געפֿאַלן, עפּעס ווי איבעריק, ווי אַ מין הינטל, וואָס פּלאָנטערט זיך אונטער די פֿיס, און איטלעכער, ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, טוט דאָס אַ וואָרף, אַ שלײַדער: „פּאַשאָל וואָן!" און גייט זיך ווײַטער. אַוודאי בין איך אין יעהופּעץ צו אַזעלכע זאַכן ניט געוווינט געוואָרן, און ווער שמועסט בײַ מיר אין מאַזעפּעווקע, צי אין כּתרילעווקע. ווער וואָלט דאָס גאָר געהאַט די העזה מיר זאָגן אַ קרום וואָרט ובפֿרט נאָך דערלאַנגען פֿון הינטן אַ סטוסאַק — פֿונקען זאָלן פֿלִיען פֿון די אויגן.[19]

די דעגראַדאַציע פֿונעם מנחם־מענדל־געשטאַלט איז אָבער ניט נאָר אַ סוביעקטיוו איבערגעלעבטער מצבֿ. שלום־עליכם האָט אויך געהאַלטן פֿאַר נייטיק פֿאָרצושטעלן מנחם־מענדלס דעגראַדאַציע פֿון דרויסן, אַזוי צו זאָגן אָביעקטיוו, דורך דער פֿאָרמיטלונג פֿון אַן אַנדער, מער באַגלייבט געשטאַלט, דורך טובֿיהן. בשעת זײַן ערשטן וויזיט אין אַמעריקע האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן אין ניו־יאָרק אַ נײַעם טובֿיה־מאָנאָלאָג, „שפּרינצע". טובֿיה יִישובֿט זיך דאָרטן, צי ער זאָל יאָ אָדער ניט פֿאָרן קיין אַמעריקע:

> [...] מאַכן אַ תּל פֿון בעל־הבתּישקייט און אַוועקלאָזן זיך מיט ווײַב און קינדער אויף די עלטערע יאָרן קיין אַמעריקע? אַז ניט דערהאָרן וועט דאָס קאָלומבוס, אַז איך זאָל „מאַכן אַ לעבן" ווי מײַן שלימזלדיקער קרובֿ מנחם־מענדל פֿון יעהופּעץ שרײַבט מיר, אַז עס גייט אים אין אַמעריקע קיין עין־הרע זייער גוט, אַ גאַנצן טאָג טראָגט ער אַרום געזעטן און בײַ נאַכט פֿאַרדינט ער אַחוץ, ער וויגט פֿרעמדע קינדער, אַז אַך און וויי איז אים, ער האָט זיך גוט דערלעבט, פֿון אַ פֿײַערדיקן „שפּעגעלאַנט" אין יעהופּעץ, פֿון אַ בערזעיאַנער דרייקאָפּ ווערן אין אַמעריקע אַן אַם![20]

omitted later

19. דאָרט, זז' 29־30.

20. וועגן דער געשיכטע פֿונעם טובֿיה־בוך זען: ח. שמרוק, „,טבֿיה דער מילכיקער' — לתולדותיה של יצירה", הספֿרות, 26 (1978), זז' 26־38. אויבן ציטירט פֿון אונזער לעבן, נומ' 61 פֿונעם 16טן מײַ 1907 (שלום־עליכם איז געווען אין אַמעריקע ביז מיטן יוני 1907). דאָס אויבן ציטירטע האָט שלום־עליכם באַזײַטיקט פֿון דעם בוך אין דער ווערסיע פֿון פֿאַרלאַג „פּראָגרעס", באַנד 7, וואַרשע 1913 און פֿון די איבערזעצונגען. דער ציטאָט פֿעלט אין אַלע שפּעטערדיקע אויסגאַבעס פֿונעם בוך. ווי באַקאַנט, ענדיקט זיך אָבער די דאָזיקע אויסגאַבע, און אויך די איבערזעצונגען אין העברעיִש און אין רוסיש, מיטן פֿילזאָגנדיקן קאַפּיטל „טובֿיה פֿאָרט קיין ארץ־ישׂראל", אין וועלכן ער באַשליסט ניט צו פֿאָרן קיין אַמעריקע (זען אויבן, הערה 15).





מנחם־מענדלס מצבֿ ווערט פֿײַנלעך איבערגעלעבט אַפֿילו דורך זײַן באַוווּסטן קרובֿ, דורך טובֿיהן. ער איז אַזוי פֿײַנלעך, אַז ער דאַרף דעם לייענער דערקלערן, פֿאַר וואָס טובֿיה אַליין וועט „אויף די עלטערע יאָרן קיין אַמעריקע" ניט פֿאָרן. שלום־עליכם האָט דאָס געשריבן בעת ער איז געווען אַליין אין אַמעריקע און האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אַליין און דירעקט זיך צו באַקענען, פֿון דער נאָענט, מיט עמיגראַנטישע גורלות. און דווקא דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן, אַז זײַן באַליבט טובֿיה־געשטאַלט וועט ער ניט שטעלן פֿאַרן שווערן דעגראַדאַציע־נסיון, וואָס וואָלט אים זיכער דערוואַרט אין אַמעריקע. דעם מאָנאָלאָג „שפּרינצע" האָט שלום־עליכם געשריבן נאָך דער פֿריִער ציטירטער פּאַטעטישער דעקלאַראַציע פֿון 1906.

אָבער אויך מיט מנחם־מענדלען אַליין האָט שלום־עליכם ניט געוווּסט וואָס צו טאָן אין די אַמעריקאַנער באַדינגונגען. די אַמעריקאַנער אמתע צי פֿאַנטאַסטישע וועגן און מעגלעכקייטן פֿון אַרויפֿאַרבעטן זיך, חלומען פֿון גאָרניט צו ווערן אַ גבֿיר, האָבן זיך ניט געפּאַסט פֿאַרן כּתרילעווקער מנחם־מענדל. און לאָמיר דערמאָנען, אַז אין דער הקדמה צום בוך־נוסח פֿון מנחם־מענדלס און שיינע־שיינדלס בריוו, האָט שלום־עליכם נאָך געהאַט צוגעזאָגט אַ המשך אין מנחם־מענדלס בריוו פֿון אַמעריקע:

> [...] נישט געפֿונען קיין גליק אין ערגעץ. געמוזט סוף־כּל־סוף טאָן דאָס, וואָס אַלע ייִדן טוען — עמיגרירן קיין אַמעריקע. דאָרט, זאָגט מען, מאַכן ייִדן ניט שלעכט... דאָס וועלן מיר זען פֿון זײַנע שפּעטערדיקע בריוו פֿון אַמעריקע. (באַנד 10, ז' 7).

אין סאַמע לעצטן בריוו פֿון בוך זאָגט צו מנחם־מענדל זײַן שיינע־שיינדלען צו שיקן שיפֿסקאַרטן פֿון אַמעריקע, בעת ער אַליין איז שוין אויפֿן וועג. שלום־עליכם האָט ניט געהאַלטן וואָרט און האָט זײַן מנחם־מענדל צוריקגעבראַכט קיין וואַרשע. ער האָט, ווײַזט אויס געמיינט, אַז זײַן העלד וועט זיך בעסער פּאַסן פֿאַר דער זשורנאַליסטישער אַרבעט, אין דעם אַזוי גערופֿענעם „צווייטן טאָם" פֿונעם בוך.[21] ס'קען אָבער גרײַלעך זײַן, אַז שלום־עליכם האָט מנחם־מענדלען צוריקגעבראַכט קיין וואַרשע ניט בלויז דערפֿאַר, ווײַל ער האָט אים געדאַרפֿט פֿאַר דער נײַער סעריע בריוו אין הײַנט. מ'קען זיך דערוועגן אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג, אַז דערפֿאַר ווײַל שלום־עליכם האָט פֿאַר מנחם־מענדלען ניט געפֿונען קיין פּאַסיק אָרט אין דער פֿאַר אים פֿרעמדער אַמעריקאַנער סטיכיע, האָט ער אויסגענוצט די ערשטע מעגלעכקייט מבֿטל צו מאַכן זײַן צוזאָג און האָט אים צוריקגעפֿירט אין דער אַלטער היים, ברענגענדיק דערבײַ ווינציק איבערצײַגנדיקע תּירוצים. פֿאַר דעם דעגראַדירטן מנחם־מענדל, וואָס פֿילט זיך דאָרטן אַן איבעריקער, האָט שלום־עליכם ניט געפֿונען קיין פּאַסיקן שטאָף אין אַמעריקע. ס'באַקומט זיך אַזוי, אַז וועדליק שלום־עליכמס קאָנצעפּציע וועגן אַמעריקע, האָבן די טויערן פֿון דעם „געבענטשטן לאַנד" געדאַרפֿט בלײַבן פֿאַרשלאָסן פֿאַר זײַנע צוויי דערוואַקסענע הויפּטגעשטאַלטן. אָט די צוויי געשטאַלטן זענען באַשאַפֿן און געפֿורעמט געוואָרן אין משך פֿון לאַנגע יאָרן אויף דעם גאָר ספּעציפֿישן באָדן פֿון מיזרח־אייראָפּע און דאָרטן האָבן זיי געדאַרפֿט בלײַבן, ניט געשעדיקט דורך דעם שווערן עמיגראַציע־נסיון.

21. זען דעם באַנד וואָס איז אַרויס אין תּל־אָבֿיבֿ 1976 (הערה 18).

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אַבֿרהם הערצבערג זייער פֿײַן און איבערצײַגעוודיק אַרויסגעבראַכט די רבנישע קעגנערשאַפֿט צו דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע אין 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט. די דאָזיקע קעגנערשאַפֿט האָט געפֿונען אַ בולטן קאַלאָקוויאַלן אויסדרוק: „טרייפֿענע מדינה", וואָס באַטיטלט טאַקע הערצבערגס אַרבעט.[22]

ווערט מן־הסתם דאָ זײַן אויפֿן אָרט צו באַמערקן, אַז ניט ווינציק פֿון דער רבניש־יראַישער קריטיק פֿון דער ייִדישער עמיגראַנטישער עקסיסטענץ אין אַמעריקע איז פּאַראַלעל צו דעם, וואָס מיר געפֿינען אויך אין שלום־עליכמס כּתבֿים. סוף־כּל־סוף שפּיגלט זיך אין די דאָזיקע כּתבֿים אָפּ די זעלביקע רעאַליטעט. וואָלטן טאַקע שלום־עליכמס כּתבֿים געקענט דינען ווי אַ פּאַסיקער צוגאָב־מאַטעריאַל צו אילוסטרירן און באַגרינדן הערצבערגס טעזע, אַז דער טראַדיציאָנעלער מיטלשטאַנד, דער למדנישער און בעל־הבתישער, איז אין די עמיגראַנטישע שטראָמען פֿון מיזרח־אייראָפּע ווינציקער פֿאַרטראָטן ווי אַנדערע נידעריקערע און בערייטערע שיכטן פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט.

דערבײַ מוז מען באַטאָנען, אַז שלום־עליכם איז ווײַט ניט איינדײַטיק, וואָס שייך די פּערספּעקטיוון פֿון ייִדן אין אַמעריקע, כאָטש אויך ער האָט טיף אָפּגעפֿילט די שווערע פּראָבלעמאַטיק פֿון אײַנלעבן זיך אינעם נײַעם לאַנד. ס'האָבן אים זיכער ווינציקער אינטערעסירט די קלאָגעדיקע פּערספּעקטיוון פֿון רעליגיעזן לעבן אויפֿן אַלטן שטייגער אין אַמעריקע, און אַ סך מער די מענטשלעכע גורלות אויף עקזעמפּלאַריש־טיפּאָלאָגישע פֿלאַכן. שלום־עליכם האָט בעסער באַנומען ווי די רבנים די היסטאָרישע באַדײַטונג פֿון דער ייִדישער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. איז אפֿשר טאַקע ניט קיין צופֿאַל, וואָס איך האָב בײַ אים ניט געפֿונען, וואָס שייך אַמעריקע, דעם אויסדרוק „טרייפֿענע מדינה". דאָס דאַרף אָבער ניט פֿאַרשטאַנען ווערן ווי אַ סתּירה צו דעם ענין, אַז טובֿיהן און מנחם־מענדלען האָט ער דאָך אין דער דאָזיקער מדינה ניט געוואָלט באַזעצן.

ג

די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפֿטלעכע דעגראַדאַציע פֿון טיילן פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ פֿון מיזרח־אייראָפּע און פֿון באַשטימטע מיטלשטאַנד־שיכטן אין אַמעריקע איז אָבער בלויז איין אַספּעקט פֿון אַ ברייטערן פֿענאָמען אין כמעט אַלע ווערק שלום־עליכמס, וואָס האָבן אַ שײַכות צו אַמעריקע. דער פֿאַרגלײַך צווישן דאָ און דאָרטן, צווישן דער אַלטער מיזרח־אייראָפּעיִשער היים און דער נײַער היים אין אַמעריקע, איז אַ פּערמאַנענטער עלעמענט אין זײַנע ווערק וועגן דער עמיגראַציע און וועגן דער

A. Hertzberg " 'Treifene Medina' — Learned Opposition to Emigration to the .22 United States". **Proceedings of the Eighth World Congress of Jewish Studies,** .vol. 6, Panel Sessions, **Jewish History,** Jerusalem 1984, pp. 1—9





עמיגראַנטישער סבֿיבֿה אין אַמעריקע גופֿא.[23] טייל מאָל איז דער פֿאַרגלײַך אויך אַ קענטיקער סטרוקטור־יסוד אין דעם אַמעריקאַנער טעמאַטישן קרײַז, אין שלום־עליכמס ווערק.

דעם דאָזיקן פֿאַרגלײַכיקן יסוד קען מען בײַ שלום־עליכמען געפֿינען שוין אין די נײַנציקער יאָרן פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט, אין די פֿעליעטאָנען וואָס ער האָט געהאַט געשיקט קיין פּיטסבורג און פֿילאַדעלפֿיע. שלום־עליכם האָט זיך אונטערגענומען צוצושטעלן די לייענערס פֿון דער פֿילאַדעלפֿיער ייִדישער צײַטונג „אַ גרוס פֿון דער היים", אַזוי הייסן טאַקע זײַנע בריוו פֿון רוסלאַנד אין דער צײַטונג.[24] באַטראַכטנדיק די פּראָגראַם פֿון זײַנע פֿעליעטאָנען, איז שלום־עליכם פֿון פֿאָרויס מודיע:

> [...] וועל איך קיין מורא ניט האָבן צו זאָגן דאָס, וואָס איך וויל און וואָס מען באַדאַרף זאָגן. שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז מען קען זיך באַגיין אָן דעם רויטן בעזעם פֿונעם צענזאָר.[25]

אויף דער ריין פּאָליטישער פֿלאַך זענען די פֿאַרגלײַכן תּמיד לטובֿת אַמעריקע, לטובֿת דער פֿרײַער מדינה, וואָס באַגרענעצט ניט די רעכט פֿונעם פּרט ובתוכם פֿון ייִדן. אין אַמעריקע איז דער שרײַבער פֿרײַ פֿון צענזור, וואָס באַגרענעצט אים אין רוסלאַנד. דאָס צאַרישע רוסלאַנד ווערט אויף אַזאַ אופֿן געשטעלט אין אַ שטענדיקן פֿאַרגלײַך, וואָס באַטאָנט דאָס נעגאַטיווע אין אַלע מעגלעכע פּאָליטישע שײַכותן.

גאָר בולט איז דער דאָזיקער יסוד אין דער גאַנץ פּשוטער און דורכזעעוודיקער

23. אַוודאי איז דאָס ניט שלום־עליכמס אייגענע „דערפֿינדונג". דאָס איז אַן אימאַנענטער יסוד פֿונעם עמיגראַנטישן לעבן און פֿון דער ליטעראַטור וואָס פּרוּווט אויסדריקן די עמיגראַנטישע געפֿילן. עטלעכע בולטע דוגמאות: ווען דיא וואַרהייט האָט אָפּגעדרוקט „אַ ליד פֿון ייִדישן לעבן אין דער ליטע", האָט די רעדאַקציע זיך גענדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן „אָבוואָל דיזע סצענעס האָבן ניט קיין סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, דרוקן מיר דאָך זיי אום אונדזערע רוסישע לעזער עטוואָס צו געבן אויס זייער אַמאָליקן לעבן, אום זיי זאָלן עס קענען בעסער פֿאַרגלײַכן מיט דעם יעצטיקן". ציטירט פֿון אַ. שולמאַן, „'דיא וואַרהייט' — ערשטע געזעלשאַפֿטלעכע ייִדישע צײַטונג אין אַמעריקע", זאַמלבוך לכּבֿוד דעם צוויי הונדערט און פֿופֿציקסטן יובֿל פֿון דער ייִדישער פּרעסע, 1936־1686, ניו־יאָרק 1937, ז' 209. און זען די ביז גאָר טרעפֿלעכע פֿאַראַלגעמיינערונגען וועגן דעם ענין אין י. אָפּאַטאָשו, „50 יאָר ייִדישע ליטעראַטור אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן", ייִוואָ־בלעטער, 38 (1954), זז' 39־49.

24. דאָס קעפּל פֿון די בריוו איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש. ווײַל ביז אין די נײַנציקער יאָרן האָט די ייִדישע פּרעסע אין אַמעריקע זיך געמיט צו באַפֿרידיקן דעם נײַגער פֿון אירע עמיגראַנטישע לייענערס צו דעם וואָס קומט פֿאָר אין דער אַלטער היים. דער וווּקס פֿון דער ייִדישער פּרעסע אין אַמעריקע איז געווען ענג געבונדן מיטן אינטערעס פֿון די לייענערס אין די געשעענישן פֿון דער אַלטער היים, ווי מלחמות אאַז"וו. זען וועגן דעם אין ש. ניגערס אַרבעט „מער אַלטהיימיש ווי אַמעריקאַניש (קאַפּיטלעך אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור־געשיכטע)", די צוקונפֿט, אַפּריל 1940, דער עיקר זז' 212־213. מיט זײַנע בריוו האָט שלום־עליכם געדאַרפֿט באַפֿרידיקן די דאָזיקע דערוואַרטונגען.

25. פֿעליעטאָנען, תּל־אָבֿיבֿ 1976, ז' 36.

סטרוקטור, אין דער דערציילונג וואָס איז איצט באַקאַנט אונטערן נאָמען „נישטאָ קיין נייַעס". זי איז געשריבן אין 1907, קורץ נאָך שלום־עליכמס ערשטן וויזיט אין אַמעריקע. ווען זי איז צום ערשטן מאָל אַרויס, האָט זי געהייסן „צוויי לשנה־טובֿה־בריוולעך". די דערציילונג באַשטייט טאַקע פֿון צוויי בריוו, איינעם געשריבן פֿון אַן „אָפּרייטער" אין אַמעריקע, צו זייַנעם אַ פֿרייַנד אין דער אַלטער היים ; דער צווייטער — פֿון אַ שנייַדער אין דער אַלטער היים צו זייַן פֿרייַנד אין אַמעריקע, דעם מחבר פֿון ערשטן בריוו. אין דעם בריוו פֿון מיזרח־אייראָפּע ווערט דערציילט וועגן אַ פּאָגראָם און זייַנע נאָכווייעניש ; אין בריוו פֿון אַמעריקע ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט : „דאָס גאַנצע לעבן ווערט מען טאַקע פֿאַרשוואַרצט, דערפֿאַר זענען מיר אָבער פֿרייַ" (באַנד 22, ז' 142). דער אַמעריקאַנער דערציילט וועגן זייַנע פּראָבלעמען, וואָס זענען אויס באַנאַל און ניט וויכטיק, אין פֿאַרגלייַך מיטן שוידער פֿון די פּאָגראָמען, וואָס באַהערשט דעם לייענער פֿונעם אַנדערן בריוו. און דאָך שרייַבט דער אַמעריקאַנער : „איין זאַך גייט אונדז דאָ ניט אײַן — די היים. אוי, בענקט זיך אַהיים !" (דאָרט) פֿון דער צווייטער זייַט דערקלערט דער פֿרייַנד פֿון פּאָגראָמען־לאַנד גאָר אַנטשלאָסן : „קיין אַמעריקע פֿאָר איך ניט. דייַן אַמעריקע הייבט מיר ניט אָן צו געפֿעלן". (דאָרט, ז' 147).[26]

די קאָנטראַסטיווע צוגעשפּיצטקייט פֿון די צוויי בריוו איז דאָ דערגרייכט געוואָרן אויך מיט דער הילף פֿון שפּראַכלעך־סטיליסטישע מיטלען. דער בריוושרייַבער פֿון רוסלאַנד ניצט אַ קענטיקע צאָל רוסיציזמען אין זייַן ייִדיש. אָבער אַמעריקע געפֿעלט אים ניט, ווייַל „אַ גאַזעט הייסט פּייפּער" און „פֿון בלומע ווערט דזשעני" (דאָרט).[27] דער בריוו פֿונעם אַמעריקאַנער איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַמעריקאַניזמען.

איז דאָ אפֿשר דאָס אָרט אָנצוּווייַזן אויך אויף דעם וויכטיקן סטיליסטישן פֿענאָמען אין שלום־עליכמס אַלע שריפֿטן אויף אַמעריקאַנער טעמעס. מיר געפֿינען אים דאָרטן שוין אין די נייַנציקער יאָרן, לאַנג פֿאַר זייַן פּערזענלעכן, דירעקטן קאָנטאַקט מיט ענגליש. דאָס אַרייַנדרינגען פֿון אַמעריקאַניזמען אין ייִדיש איז בייַ שלום־עליכמען ניט

26. „צוויי לשנה־טובֿה־בריוולעך" איז צום ערשטן מאָל אַרויס אין דער פֿרייַנד נומ' 191 פֿון 1907. נאָר דער בריוו קיין אַמעריקע מיטן קעפּל „שטיל דאַנק גאָט !" איז געווען געדרוקט אין מיניקעס ימים נוראים און סוכות בלאַט, ניו־יאָרק תרס"ח/1907, זז' 7־8. אין אַמעריקאַנער נוסח זענען באַזייַטיקט געוואָרן די רוסיציזמען (ווי למשל : „בעלם געוואָרן" אַנשטאָט „איזטשעזניעט" ; „שטיל" — „בלאַהאָפּאַלוטשנע" ; „משפּחה" — „סעמיעיסטווע"). בייַם אָנהייב און אין סיום פֿון אַמעריקאַנער נוסח זענען פֿאַראַן אַ ריי אַנדערע שינויים. איינער פֿון זיי איז, וואָס דער בריוושרייַבער וויל דווקא יאָ קומען קיין אַמעריקע : „אויב ס'איז אמת וואָס דו שרייַבסט, וואָלסט דו אפֿשר צוגעשיקט אונדז אַלעמען שיפֿסקאַרטן, זיי קענען צו נוץ קומען, מחמת טאָמער מאַכט זיך נאָך אַ מאָל אַ פּאָגראָם, שטעל איך זיי אַרויס אַ פֿייַג..." (ז' 8). ענלעכע וואַקלענישן קומען צום אויסדרוק אויך אינעם סיום־קאַפּיטל פֿון אין שטורעם, ווען איינער פֿון די עמיגראַנטן „וויל אײַנרעדן", אַז ער פֿאָרט ניט קיין אַמעריקע „אויף שטענדיק" : „מיר וועלן נאָך קומען צוריק אַלע, און איך אַוודאי..." (באַנד 7, ז' 217). זען וועגן דעם אין ש. עפּשטיינס אַרבעט, זז' 322־323.

diff endings

27. די דאָזיקע אָפּשרעקנדיקע שפּראַך־מאָטיוואַציע חזרט זיך גאַנץ אָפֿט איבער בייַ שלום־עליכמען אין מויל פֿון די וואָס ווילן קיין אַמעריקע ניט פֿאָרן. זען למשל אויך אין לאה ספּיוואַקס בריוו פֿון האַלאַנעשטי צו איר טאָכטער, בלאָנדזשענדע שטערן, ניו־יאָרק 1912, ז' 482.



American Yiddish monologues



בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דעם פֿאַקטישן קאָנטאַקט פֿון ייִדיש־רעדערס מיט ענגליש, נאָר אויך אַן עלעמענט פֿון שפּראַכהומאָר און אַפֿילו פֿון קאָמישע סיטואַציעס. דער פֿענאָמען איז גאָר בולט אין מאָטל פּייסי דעם חזנס, אָנגעהויבן פֿונעם קאַפּיטל „לאָנדאָן, פֿאַר וואָס ברענסטו נישט ?". אין לעצטן יאָר פֿון זייַן לעבן איז שלום־עליכם דערגאַנגען צו ווירטואָזיטעט אין דעם דאָזיקן שפּראַכבאַנוץ, אין די מאָנאָלאָגן „מיסטער גרין האָט אַ דזשאַב" און „אַ מעשה מיט אַ גרינהאָרן".[28] בייַם לייענען די דאָזיקע מאָנאָלאָגן פֿון אַמעריקאַנער ייִדן, איז טייל מאָל שווער צו באַשליסן וואָס ס'איז אין זיי דער עיקר, דער סיפּור־המעשה, צי די שפּראַך פֿון די צוויי פֿאַרשוינען. ייִדיש און ענגליש ווערן דאָ צונויפֿגעשמאָלצן אין אַן אידיאָמאַטישן באַנוץ, אויף אַ נאַטירלעכן און זייער עפֿעקטיוון אופֿן. ס'וואָלט זייער כּדאַי געווען דעם דאָזיקן פֿענאָמען גרונטיק צו באַשרייַבן און אויספֿאָרשן. פֿאַרשטייט זיך, אַז מע קען זיך מיט אים קוים אַן עצה געבן אין די שלום־עליכם־איבערזעצונגען אויף ענגליש.

אויב די קאָנטראַסטיווע עלעמענטן אויפֿן פּאָליטישן באָדן אין „נישטאָ קיין נייַעס" קענען אויפֿגענומען ווערן ווי צו דורכזעעוודיקע און אַפֿילו פּרימיטיווע, זענען זיי אין מאָטל פּייסי דעם חזנס געפֿורעמט געוואָרן ווייַט ניט אַזוי איינדייַטיק, און ערטערווייַז גאָר שאַרפֿזיניק. די פֿונקציע אַרויסצוהייבן די דאָזיקע קאָנטראַסטן אין בוך האָט באַקומען „אונדזער חבֿר פּיניע", וואָס פֿאַרפֿעלט קיין מאָל ניט קיין פּאַסיקע און אויך ניט־פּאַסיקע געלעגנהייט, אַרונטערצורייַסן דאָס צאַרישע רוסלאַנד און שטענדיק איינצײַטיק צו לויבן אַמעריקע. בלויז עטלעכע, גאָר בולטע דוגמאות :

> [...] אַמעריקע איז ניט „ריסנלאַנד". אין אַמעריקע שמירט מען ניט. (באַנד 19, ז' 40).
>
> [...] האָב איך ניט געזאָגט פֿריִער, אַז אַמעריקע איז ניט ריסנלאַנד ? אין אַמעריקע גייט ניט אָן קיין שווינדל, קיין חכמות און קיין דריידלעך ? קאָלומבוס, לעבן זאָלסטו ! (ז' 47).
>
> הערט צו, איר חמורים, רשעים, שיכּורים, כוליגאַנעס, פּאָגראָמשטשיקעס ! דאָס האָבן מיר אייַך צו פֿאַרדאַנקען, וואָס מיר געפֿינען זיך אַצינד אין אַזאַ פֿרייַער, גליקלעכער מדינה ! ווען ניט איר מיט אייַערע גזירות, רדיפֿות און פּאָגראָמען, וואָלטן מיר ניט געוווּסט פֿון קאָלומבוסן און קאָלומבוס וואָלט ניט געוווּסט פֿון אונדז ! איר וועט דאָרטן לאַנג וואַרטן, ביז מיר וועלן קומען צו אייַך צוריק ! אַזוי ווי איר זעט ניט אייַערע אויערן, אַזוי וועט איר שוין ניט זען אונדז, ווייַל איר וועט לעבן ! איר וועט זיך אַ מאָל אַרומקוקן, אַז איר האָט געהאַט אַ פֿאָלק ישראל און ניט געוווּסט, ווי צו

28. „מיסטער גרין האָט אַ דזשאַב" איז צום ערשטן מאָל אַרויס אין דער טאָג פֿונעם 28סטן אויגוסט 1915, אַרייַן אין באַנד 21, זז' 243־249 ; „אַ מעשה מיט אַ גרינהאָרן" איז צום ערשטן מאָל אַרויס אין דיאָ וואַרהייט פֿון 12טן יאַנואַר 1916, אַרייַן אין באַנד 21, זז' 251־259. זען אויך די רייד פֿונעם אַמעריקאַנער אַטעיִסט אין „די ערשטע ייִדישע רעפּובליק", די נייַעסטע ווערק פֿון שלום־עליכם, צווייטער באַנד, וואַרשע תרס"ט, זז' 157 און ווייַטער (צום ערשטן מאָל פּובליקירט פּאַראַלעל אין פּעטערסבורג אין דער פֿרייַנד נומ' 141־215 פֿון 1907 און אין ניו־יאָרקער יודישעס טאַגעבלאַט צווישן 14טן יולי ביז 27סטן אויגוסט 1907.

שאַנעוועט דאָס דאָזיקע פֿאָלק! איר וועט האָבן אַ וויסטן סוף, אַזוי ווי שפּאַניען האָט געהאַט. איר וועט ווייַנען, ווי די קלויסטערהינט. איר וועט זיך אַ מאָל פֿאַרבענקען נאָך אונדז! עס וועט זיַין ביַי אַיַיך אַ רענדל אַ ייִד. איר וועט אונדז רופֿן צוריק, נאָר אַ מכּה וועלן מיר צו אַיַיך פֿאָרן!... (זז׳ 58־59).

[...] און לערנען לערנט מען אומזיסט. און מען גיט אַיַיך נאָך צו ביכער אויך. אונדזער חבֿר פּיניע, אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אויסער זיך. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ביַי אונדז, אין דער היים, לאָזט מען גאָר ייִדישע קינדער ניט אַריַין אין גימנאַזיע. און דאָ, אין אַמעריקע, שלעפּט מען אַיַיך מיט גוואַלד. אַניט וועט איר צאָלן שטראָף. „צוליב דעם אַליין, זאָגט פּיניע, וואָלט זיך פֿאָניע געמעגט באַגראָבן אַ לעבעדיקער אין דער ערד אַריַין!” (ז׳ 85).

אָ! איר פּינצטערע, ווילדע מענטשן וואָס איר זענט! אין אַיַיך ליגט טיף איַינגעוואָרצלט דער גלות פֿון יענעם וויסטן לאַנד פֿון פֿאָניע, ימח שמו וזכרו! אַמעריקע איז אָבער ניט חזיר־לאַנד! אַלע מיליאָנערן און מיליאַרדערן אין אַמעריקע האָבן יונגערהייט געאַרבעט שווער און ביטער. ווער אין אַ שאַפּ, ווער אויף דער סטריט. פֿרעגט ביַי ראָקפֿעלער, קאַרנעגי, מאָרגאַן, וואַנדערבילד, וואָס זענען זיי געווען אַ מאָל? צי האָבן זיי ניט געקערט די סטריט? צי האָבן זיי ניט אַרומגעטראָגן פּייפּערס צו פֿאַרקויפֿן? צי האָבן זיי ניט געפּוצט פֿרעמדע שיך פֿאַר אַ ניקל? (ז׳ 95).

דערפֿאַר וויַיל מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קאָמיש געשטאַלט, וואָס רעאַגירט אָבסעסיוו אויף אַ פֿון פֿאָרויס דערוואַרטן שטייגער, ווערן זיַינע רייד און פֿאַרגליַיכן לכתּחילה אויפֿגענומען מיט אַ באַשטימטער רעזערוואַציע. מ׳קען משער זיַין, אַז בנוגע דער נעגאַציע פֿון „ריסנלאַנד” איז דער שלום־עליכם־לייענער בדרך־כּלל גרייט געווען מסכּים צו זיַין מיט אַלץ וואָס „אונדזער חבֿר פּיניע” האָט געהאַט צו זאָגן. די פּאַטעטישע רייד וועגן אַמעריקע אין פּיניעס מויל רופֿן אָבער אויך היַינט אַרויס לכל־הפּחות אַ שמייכל פֿון באַוואָרעניש, מחמת די פֿאָרמולירונגען מיט בפֿירושע היפּערבאָלישע נייגונגען. שלום־עליכם האָט זיַין ציל דערגרייכט אויף אַ גלענצנדיקן אופֿן, אַ דאַנק דעם געשטאַלט און אַ דאַנק די איבערגעטריבענע פֿאָרמולירונגען וואָס ער האָט אַריַינגעלייגט אין פּיניעס מויל אַריַין. די פּאָליטישע און אַנדערע פֿאַרגליַיכיקע יסודות דערהייבן זיך דאָ טייל מאָל צו אַן אַבסורדאַלן הויכפּונקט.

ד

אין דער קאָמפּאַראַטיווער סיסטעם וואָס באַהערשט די אַמעריקאַנער טעמאַטיק אין שלום־עליכמס שאַפֿן איז פֿאַראַן נאָך אַן אַספּעקט, וואָס טרעט אויף אין זיַינע ווערק במשך פֿון לאַנגע יאָרן. אין פֿלוג קען זיך באַקומען, אַז דאָס איז אין סתּירה צו דער פֿריִער דערמאָנטער דעגראַדאַציע, וויַיל פּאַקטיש האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט פֿאַלן פֿון עמיגראַנטישער הצלחה. דער אמת איז אָבער, אַז די דאָזיקע הצלחה האָט אַ דעפּרימירנדיקן עפֿעקט און פֿאַרטיפֿט נאָך מער די געפֿילן פֿון דעגראַדאַציע.

שוין אין 1903 דערציילט אונדז שלום־עליכם באַרימטער העלד אין „אַ געבענטשט לאַנד” וועגן דעם מאָזעפּעווקער פֿאַרשוין בערל־דוד משהס, וואָס „האַנדלען האָט ער





געהאַנדלט מיט טרייפֿע סחורה, מיאוס אַריַינגעפֿאַלן, געהאַט אויף זיך אַ פּעקל און געמוזט מאַכן אַ ויבֿרח אַזש אַהער קיין אַמעריקע”.[29] אין אַמעריקע איז ער געוואָרן אַ חזן, אַ שוחט און אַ רבֿ. מנחם־מענדל קען קוים פֿאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ פֿאַרשוין איז מצליח צו זיַין אַ חזן און אַ שוחט. ער קען גאָר ניט משׂיג זיַין ווי אַזוי ער איז דאָ אַ רבֿ:

— בין איך אַיַיך, זאָג איך, דאָס אויך מוחל; אָבער אַ רבֿ, זאָג איך, ווי קומט איר פּסקענען שאלות? געוואַלד, ר׳ בערל, שאלות פּסקענען?

— ע, מאַכט ער צו מיר, מנחם־מענדל, ביסט נאָך גאָר גרין, ווי אַ גרינע אוגערקע! וואַרט אויס, וועסט אָפּזיַין דאָ אין אַמעריקע אַ שטיקל ציַיט, וועסטו דעמאָלט אַרויסזען חידושים, וואָס פֿאַר אַ לאַנד דאָס איז, אַ געבענטשט לאַנד![30]

מיסטער גרין און זיַין דזשאַב, שופֿר־בלאָזן, איז אַן אַנדער פֿאַרקערפּערונג פֿון דעם זעלביקן פֿענאָמען, פֿון ניַי־געבאַקענע כּלי־קודש, וואָס זייער ניַיע פֿונקציע ווערט מעגלעך נאָר אין די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿונעם „געבענטשטן לאַנד”.

אויף דעם סאַמע תּמציתדיקן אופֿן האָט שלום־עליכם ווידער פֿאַרפֿיקסירט דעם דאָזיקן פֿענאָמען אין מאָטל פּייסי דעם חזנס. דאָ איז די דעגראַדאַציע פֿון אַן אַמאָליקן מעמד אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ דירעקטער קאָנפֿראָנטירונג מיט דער שווינדלערישער דערהייבונג פֿון ניט־באַרופֿענע לייַט צו כּלי־קודש:

מיַין ברודער אליהו און אונדזער חבֿר פּיניע אַרבעטן אין צוויי באַזונדערע שעפּער. איינער איז אַן „אָפּרייטער”. דאָס הייסט, מחילה, אַ שניַידער. דער אַנדערער איז אַ „פּרעסער”. [...]

ווי זשע קומט דאָס צו מיַין ברודער אליהו, אַז אונדזער טאַטע, און אונדזער טאַטנס טאַטע, און אונדזער טאַטנס טאַטנס טאַטע איז קיין מאָל קיין שניַידער ניט געווען און אַ מאַשין קיין מאָל אין די אויגן ניט געזען? מיר שטאַמען, זאָגט די מאַמע, פֿון לויטער חזנים, רבנים און שמשים. איז דאָך שלעכט! איז דאָס אָבער אַמעריקע. אין אַמעריקע איז ניטאָ אַ זאַך, וואָס אַ מענטש זאָל ניט קענען. אין אַמעריקע לערנט מען זיך אויס. אַ סימן האָט איר — למאַי אַ רבֿ? זיַין אַ רבֿ דאַרף מען דאָך אַוודאַי קענען. אַ רבֿ מוז כאָטש קענען פּסקענען שאלות. פֿון דעסטוועגן זענען פֿאַראַן אין אַמעריקע רבנים, דאָ הייסן זיי „רעווערענטן”, וואָס אין דער היים זענען זיי געווען קצבֿים. מיַין ברודער אליהו האָט זיך דאָ באַקענט מיט אַ מוהל, מיט אַ רעווערענט, וואָס מע נעמט אים אויף בריתן. אין דער היים איז ער געווען אַ שניַידער, און נאָך אַ דאַמסקע דערצו! (ז׳ 106).

29. אויך פֿון טובֿיהס רייד קען מען דרינגען, אַז קיין אַמעריקע אַנטלויפֿן אָדער פֿאָרן אַוועק דער עיקר שווינדלערס און שאַרלאַטאַנעס (באַנד 5, זז׳ 173, 192־193).

30. אַלע ציטאַטן לויט מנחם־מענדל, תּל־אָבֿיבֿ 1976, זז׳ 32־33.

עס באַקומט זיך אַז אַמעריקע איז אַ פֿאַרקערטע וועלט. לכל־הפּחות אין דער ייִדישער סבֿיבֿה קען דאָ יעדער שווינדל אַנגיין. בשעת די וואָס זענען אין דער אַלטער היים געווען מיוחסים און פֿײַנע מענטשן ווערן אין אַמעריקע דערנידעריקט און פֿאַרשוואַרצט, ווערן אַנדערע, אָן קיין שום רעכט דערצו, דערהויבן.

פֿאַר וואָס ווערן אָט די צוויי פֿענאָמענען אַזוי פֿײַנלעך אויפֿגענומען דורך שלום־עליכמס פּערסאָנאַזשן און מן־הסתּם אויך דורך ניט־ווינציק פֿון זײַנע לייענערס? צוליב אַ גאַנץ פּשוטער סיבה — די עמיגראַנטן לעבן אין אַמעריקע מיט כּתרילעווקער השׂגות. זיי האָבן זייער כּתרילעווקע מיטגעבראַכט מיט זיך און זיי האַלטן זיך מיט אַלע כּוחות אין זייער שטעטל. מאָטלס פֿאַרווײַנטע מאַמע קען זיך געפֿינען אַן אָרט אין ניו־יאָרק נאָר דערפֿאַר, ווײַל זי האָט דאָ אירע כּתרילעווקער פֿרײַנד און דער עיקר, ווײַל זי האָט דאָ איר אייגענע כּתרילעווקער שול. זי וועט ניט וועלן „מופֿן" אין אַן אַנדער געגנט, ווײַל זי וועט דאָרטן דאַרפֿן דאַווענען אין אַ פֿרעמדער שול.[31]

די דאָזיקע געבונדנקייט מיט כּתרילעווקע אין אַמעריקע טרעט אויף בײַ שלום־עליכמען אין פֿאַרשיידענע אופֿנים. ס'איז גאָר כאַראַקטעריסטיש, וואָס די קאָנקורענץ צווישן דעם פּראָגרעסיוון „קאַפּעליוש" און דער פֿרומער „יאַרמלקע" האָט שלום־עליכם אַריבערגעטראָגן פֿון אַמעריקע קיין כּתרילעווקע. דאָס וואָס ווערט געשילדערט צווישן די צוויי צײַטונגען אין „כּתרילעווקער פּראָגרעס" איז ניט מער ווי אַ המשך פֿון כּתרילעווקע אין אַמעריקע, וואָס שלום־עליכם האָט צוריקגעבראַכט אין כּתרילעווקע.[32] אויף איין אָרט מאַכט זיך שלום־עליכם כּלומרשט ניט־וויסנדיק און וואַרפֿט אַרײַן אַ באַמערקונג, אַז מ'זאָל חלילה קיין טעות ניט האָבן: „די כּתרילעווקער גאַזעטן [זענען] אַוועק אויפֿן זעלבן וועג, וואָס אין אַמעריקע, נאָר אַ סך ווײַטער" (באַנד 1, ז' 21). שלום־עליכמס קאַמף מיט „שונד" אין אַמעריקאַנער ייִדישער פּרעסע, אין ביכער און אין

31. זען דאָס קאַפּיטל מיטן גאָר כאַראַקטעריסטישן קעפּל „כּתרילעווקע אין אַמעריקע", באַנד 19, זז' 129־156. וועגן כּתרילעווקער און וועגן דער „פֿרעמדער" שול זען דאָרטן, זז' 196־197.

32. „כּתרילעווקער פּראָגרעס", צום ערשטן מאָל פּובליקירט אין דער טאָג פֿון 24סטן אַפּריל ביזן 19טן יוני 1915. טײלווײַז פֿריִער געדרוקט אין דאָס לעבן (וואַרשע) נומ' 115־167 פֿון 1914. אין דער „פֿאָלקס־פֿאָנד"־אויסגאַבע, באַנד 1, זז' 9־84. אַז אין די צוויי קאָנקורירנדיקע צײַטונגען ווערן דאָ געשילדערט די ניו־יאָרקער דער פֿיהרער און טאָגעבלאַט, זען בײַ בערקאָוויטשן ז' שלו (אין העברעיִש) און באַנד פֿינף ז' קפֿג (אין ייִדיש).





טעאַטער, איז אויך געבונדן מיטן המשך פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע קולטור־געוווינהייטן אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן.[33]

און ווײַל ס'איז פֿאַראַן אַזאַ מין פּאַראַלעליזם צווישן אַמעריקע און כּתרילעווקע, קען שלום־עליכם אומעטום געפֿינען די זעלביקע פֿאַרקריפּלטע פֿענאָמענען. דער „אַלרײַטניק" אין אַמעריקע און דער פֿאַרגרעבטער אויפֿגעקומענער גבֿיר אין מיזרח־אייראָפּע זענען פֿונעם זעלביקן שטאָם. קען דעריבער שלום־עליכם זייער לײַכט נעמען אַן אַלטע ביטער־קאָמישע דערציילונג, „וואָס איז חנוכּה?" פֿון 1901, און זי איבערניצעווען אין 1907 אויף אַן אַמעריקאַנער שטייגער.[34] אין דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ווערסיע ווערט באַשריבן אַ חנוכּה־אָוונט בײַ אַן אויפֿגעקומענעם גבֿיר אין קיִעוו — אין דער אַמעריקאַנער ווערסיע, אַ חנוכּה־פּאַרטי אין ניו־יאָרק. די פֿאַרבעטונג אין קיִעוו איז אויף רוסיש און מ'רעדט דאָרטן אַ פֿאַררוסישטן ייִדיש; אין 1907 איז די פֿאַרבעטונג אין אַ געמיש פֿון ייִדיש און ענגליש, און אַזוי אויך די רייד פֿון די פּערסאָנאַזשן. סײַ אין קיִעוו סײַ אין ניו־יאָרק ווייסן ניט די געסט, אָדער זיי מאַכן זיך אַז זיי ווייסן ניט, וואָס דאָס איז חנוכּה. אין ביידע ערטער מאַכט דער יונגער זון פֿון די בעלי־בתּים אַ שוידערלעכן פּלאָנטער פֿון נעמען פֿון יום־טובֿים און פֿון ייִדישע מאכלים, ווען ער פּרוּווט אויף זײַן שטייגער דערקלערן וואָס איז חנוכּה. אין קיִעוו טוט ער עס אויף רוסיש, אין ניו־יאָרק — אויף ענגליש.

structural
similarities
allow him
to recycle
the same
story

33. זען אין „כּתרילעווקער פּראָגרעס" דאָס קאַפּיטעלע „סענסאַציעס און ראָמאַנען", באַנד 1, זז' 21־24. שוין אין „אַ גרויס פֿון דער היים", פֿאַר דער פֿילאַדעלפֿיער שטאָט־צײַטונג, האָט שלום־עליכם ממשיך געווען זײַן קאַמף מיט שמ"רן, וואָס איז שוין דעמאָלט, אין 1894, געווען אין אַמעריקע. זען אין באַנד פֿעליעטאָנען, זז' 34־46. די טעמע פֿאַרנעמט דאָ אַ גאַנץ אָנגעזעען אָרט. שמ"ר איז שלום־עליכמען ניט געבליבן שולדיק. זען: אַ.ר. מלאכי, „שלום־עליכם אין ייִדיש־אַמעריקאַנער פּרעסע", פֿרײַע אַרבעטער־שטימע, 1, 15 יולי, 15 אויגוסט, 15 אָקטאָבער 1966. זען אויך וועגן די ראָמאַנען אין שלום־עליכמס דאָנקבריוו פֿון נאָוועמבער 1906 (הערה 6). אין „די ערשטע ייִדישע רעפּובליק" פּאַראָדירט שלום־עליכם „אַ ראָמאַן געשריבן אין זשאַרגאָן און אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע, שוין די זיבעטע אויפֿלאַגע [...] דער ראָמאַן הייסט מיט זייער אַ לאַנגן נאָמען ,קאַפּיטאַן האָריבאַבאַ' [...]", זען: די נײַעסטע ווערק פֿון שלום־עליכם, צווייטער באַנד, וואַרשע תּרס"ט, זז' 135, 146. אין בלאָנדזשענדע שטערן פֿאַרנעמט דער קאַמף מיטן שונד אַ גאָר אָנגעזעען אָרט אינעם „אַמעריקאַנער" טייל פֿון ראָמאַן. זען, למשל, אין דער אויסגאַבע, ניו־יאָרק 1912, זז' 331־336. אויך אין ראָמאַן דער מיסטייק האָט שלום־עליכם ניט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט נאָך אַ מאָל זיך אָפּצורעכענען מיטן ייִדישן שונד: סאָוועטיש היימלאַנד, 2 (1961), ז' 106 און 3 (1961), זז' 101־102. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן אַז מען האָט באַשולדיקט שלום־עליכמען, אַז דער מיסטייק איז אַ שונדראָמאַן, ניט פֿאַרשטייענדיק די איראָניע אין די אויבן אָנגעוויזענע ערטער. די באַשולדיקונג שטאַמט פֿון די אַזוי גערופֿענע „לינקע" קרײַזן. זען בײַ עפּשטיינען (הערה 2) ז' 346 און שפּעטער אַ. פּאָמעראַנץ, „שלום־עליכמס ,מיסטייק' און אויסלענדערס טעות", פֿרײַע אַרבעטער־שטימע פֿון 15טן אָקטאָבער 1965 און אויך י. ליפֿשיצעס באַמערקונג וועגן דער מיסטייק, דאָרטן, 15טער נאָוועמבער 1965.

[illegible] critics on SA as shund novelist

34. „וואָס איז חנוכּה?" איז צום ערשטן מאָל אַרויס אין דער יוד, נומ' 48־49 פֿון 1901. זען דעם נוסח אין דער „פֿאָלקס־פֿאָנד"־אויסגאַבע, באַנד 2, זז' 185־208, דאָרטן דאַטירט חנוכּה תּרס"ב. דער אַמעריקאַנער נוסח „חנוכּה אין דער 5טער עוועניו] (אַ בילד, דער ייִדישער ,הײַ לײַף' אין ניו־יאָרק)", יודישעס טאָגעבלאַט פֿון 2טן און 3טן דעצעמבער 1907.

גענוי דאָס זעלביקע האָט שלום־עליכם געטאָן מיט זײַן סאַרקאַסטישער דערציילונג „מה נשתּנה?” פֿון 1902, וועגן היימען פֿון אַסימילירטע גבֿירים, וואָס שעמען זיך מיט זייער ייִדישקייט. אויפֿן אַמעריקאַנער שטייגער האָט זי שלום־עליכם פֿאָרמולירט אין 1916 און באַטיטלט „די פֿיר קשיות פֿון אַן אַמעריקאַנער באָי”.[35] היות דער פּרינציפּ בלײַבט דער זעלביקער, האָט שלום־עליכם זיך ניט אָנגעשטויסן אויף קיין שום שוועריקייטן ווען ער האָט די דערציילונגען אַריבערגעטראָגן קיין אַמעריקע. ער האָט בלויז געדאַרפֿט בײַטן די רוסיציזמען אויף אַמעריקאַניזמען. אָבער ווײַל דער אָלרײַטניק אין אַמעריקע דערגייט ניט אַפֿילו צו דער מדרגה פֿון דעם אויפֿגעקומענעם גבֿיר אין דער אַלטער היים, ווערט ער דאָ אין גאַנצן אַבסורדאַל. אַזוי האָט אים שלום־עליכם פֿאַרגעשטעלט אין „עולם־הבא — אַ שאַרוש אין איין אַקט”, פֿון 1915. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פֿאַרפֿאָלק פֿון פֿאַרגרעבטע אָלרײַטניקעס, וואָס קויפֿט אָפּ בײַ אַ זשוליק אַ חלק עולם־הבא, אין אַ כּלומרשט טראַדיציאָנעלער קנין־צערעמאָניע.[36]

ה

וואָלט דאָס ביז אַהער געזאָגטע געדאַרפֿט זײַן די אונטערשטע שורה פֿון שלום־עליכמס דערוואַרטונגען און האָפֿענונגען פֿון אַמעריקע, וואָלט טאַקע אויסגעקומען, אַז דעם שרײַבערס קינסטלערישע ווערק זענען סותר זײַנע אייגענע דעקלאַראַציעס. דער אמת איז אָבער, אַז אויך אין זײַנע קינסטלערישע ווערק האָט שלום־עליכם געפּרוּווט רעאַליזירן זײַנע אַ קאָנצעפּציע, וואָס האָט געקענט פֿאַרענטפֿערן די אויבנאויפֿיקע סתּירה. לויט דער דאָזיקער קאָנצעפּציע קומט אויס, אַז שלום־עליכם האָט געהאַלטן, אַז עמיגראַנטן וואָס זענען קיין אַמעריקע געקומען מיט אַן אויסגעפֿורעמטער און פֿאַרטיקער כּתרילעווקער פּסיכיק, קענען אין אַמעריקע ניט גרייכן צו אַ תּיקון. די צוקונפֿט געהערט צווישן די עמיגראַנטן נאָר דער יוגנט, וואָס איז געקומען אין אַן עלטער, ווען מ׳קען זיך באַפֿרײַען פֿונעם אַלטן און איבערנעמען די נײַע ווערטן, זיך אַרײַנפּאַסן אין דעם נײַעם שטייגער.

דאָס האָט געוווּסט טובֿיה, וואָס האָט בפֿירוש געזאָגט, אַז ער וועט קיין אַמעריקע ניט פֿאָרן, ווײַל ער איז „אויף די עלטערע יאָרן”. דאָס איז חל אויך אויף דעם שוין ניט מער יונגן מנחם־מענדל. דאָס זאָגט אויך בעצם „אונדזער חבֿר פּיניע” אין איינער פֿון די אויבן ציטירטע רעדעס, ווען ער דערמאָנט די מיליאָנערן און מיליאַרדאַרן אין אַמעריקע, וואָס האָבן אַלע „יונגערהייט געאַרבעט שווער און ביטער”. דאָס ווערט אויך געזאָגט אין דער קאָמעדיע די גאָלדגרעבער, פֿון אַרום 1907, וווּ ס׳טרעט אויף צום ערשטן מאָל

35. „מה נשתּנה?” איז צום ערשטן מאָל פּובליקירט אין דער יוד, נומ׳ 16־17 פֿון 1902. די אַמעריקאַנער ווערסיע איז אַרויס נאָך דעם שרײַבערס טויט, אין די וואַרהייט פֿון 27סטן מאַרץ 1918. ביידע איבערגעדרוקט אין דער „פֿאָלקס־פֿאָנד”־אויסגאַבע, באַנד 23, זז׳ 7־17.

36. צום ערשטן מאָל אַרויס אין דער טאָג פֿון 21סטן און 22סטן אויגוסט 1915. אין דער „פֿאָלקס־פֿאָנד”־אויסגאַבע, באַנד 24, זז׳ 263־280. אַן ענלעכע געזעלשאַפֿטלעכע סבֿיבֿה ווערט געשילדערט אין שלום־עליכמס פֿעליעטאָן „פֿריילעך אין די מאַונטיינס! — אַ באַשרײַבונג”, דער טאָג פֿון 4טן סעפּטעמבער 1915. ניט איבערגעדרוקט שפּעטער.





אין שלום־עליכמס כּתבֿים אַ געשטאַלט פֿון אַ ייִדישן יוגנטלעכן, וואָס האָט אין אַמעריקע געמאַכט אַ פֿאַרמעגן פֿון אייגענער שווערער אַרבעט.[37]

אין דער קאָמעדיע קומט די האַנדלונג פֿאָר אין די אַכציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט, אין „אַ ייִדיש שטעטל אין פּוילן”. ס׳באַווײַזט זיך דאָרטן איינער „בעני בען (געוועזענער בענדיטזאָן) ...אַ בחור פֿון 30 יאָר, געקומען צו גאַסט פֿון אַמעריקע”. ווערדליק אַ רעמאַרקע אין דער קאָמעדיע איז ער „אַ פֿרישער, אַ געזונטער [...] זעט אויס אַן עכטער ענגלענדער”.[38]

שלום־עליכם האָט אַלץ געטאָן אים פֿאַרצושטעלן אויף אַ צוציִענדיקן, סימפּאַטישן אופֿן, אויך דאָס אויסזען זײַנס, אָבער ניט בלויז דערפֿאַר ווײַל ער שפּילט אין דער קאָמעדיע די ראָלע פֿון דעם ערשטן ליבהאָבער. ער איז דאָ דער לעבעדיקער באַווײַז צו וואָס מ׳דערגייט אין אַמעריקע מיט געזונטער און פֿרײדיקער אַרבעט, ווען מ׳איז באַפֿרײַט פֿון כּתרילעווקער חלומות. בעני בען דערציילט דאָרטן אַליין וועגן זיך:

> אָט מיט די הענט, אָט מיט די צען פֿינגער בין איך מיט אַכצן יאָר צוריק
> געקומען אַן עלנטער, אַן אָרעמער יתום אין אַ פֿרעמד לאַנד, אָן אַ שפּראַך,
> אָן לײַב און לעבן, און אַליין, מיט אָט די הענט, זיך דורכגעשלאָגן, ניט
> אַרויסגעקוקט אויף קיין וווּנדער פֿון אויבן און אויף אוצרות פֿון אונטן.[39]

דער יונגער־מאַן וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע ווי אַ ייִנגל פֿון צוועלף יאָר איז אַ דאַנק זײַן אַרבעט לויט דעם אַמעריקאַנער פּרינציפּ פֿון „העלפּ יורסעלף” דערגאַנגען מיט זײַנע אייגענע כּוחות צו אַן אייגענער גרויסער פֿאַרם.

אַוודאי איז אויך די קאָמעדיע די גאָלדגרעבער געבויט אויף דעם אונדז שוין גוט באַקאַנטן פּרינציפּ.[40] ס׳ווערן דאָ געוויזן די כּתרילעווקער פּוסטע חלומות וועגן באַהאַלטענע אוצרות, אין סתּירה צו דער אַמעריקאַנער געזונטער און רעאַלער הצלחה פֿון אייגענער אַרבעט. און לאָמיר ווידער דערמאָנען, אַז דאָס אַלץ בתּנאַי, אַז מ׳קומט קיין אַמעריקע אין אַן עלטער ווען מ׳קען זיך נאָך באַפֿרײַען פֿון כּתרילעווקער שטייגער, געוווינהייטן און חלומות.

אַזאַ גלענצנדיקע צוקונפֿט האָט דערוואַרט אין אַמעריקע מאָטלען און אויך זײַן יונגן חבֿר, מענדלען. שלום־עליכם איז געווען אַזוי פֿאַרכאַפּט פֿון דער קאָנצעפּציע, אַז ער האָט מאָטלען געלאָזט פֿון פֿאָרויס דערציילן וואָס ס׳וועט מיט מענדלען געשען אין דער צוקונפֿט. דאָס איז פֿון די געציילטע פֿאַלן, ווען מאָטל ברעכט אין זײַן דערציילונג די הווה־קאָנווענץ פֿון זײַנע מעשׂיות. און אָט וואָס ער דערציילט וועגן זײַן חבֿר מענדל:

37. די קאָמעדיע איז צום ערשטן מאָל געדרוקט פֿון שלום־עליכמס כּתבֿ־יד אין די צוקונפֿט פֿון 1927, זז׳ 555־568, 618־623, 682־687 (אָקטאָבער־דעצעמבער). זען דאָרטן י. ד. בערקאָוויטשעס „פֿאָרבאַמערקונגען צו דער געשיכטע פֿון ‚די גאָלדגרעבער’”, ז׳ 555, און פֿאַרגלײַך וואָס איך האָב וועגן דעם ענין געהאַט געשריבן אין דער אַרבעט וועגן מאָטל פּייסי דעם חזנס (הערה 12), ז׳ 313.
38. דאָרט, ז׳ 555.
39. דאָרט, ז׳ 618.
40. ווידער איז כּדאַי דאָ אָנצוווײַזן אויפֿן עפּיזאָד מיטן פּאַספּאָרט, וואָס איז אויסן אָפּצוחוזקן פֿון די רוסישע געזעצן און פּירעכצן, אין פֿאַרגלײַך מיט דער אַמעריקאַנער פֿרײַהייט (דאָרט, ז׳ 623).

> דערמאָן איך זיך אָן מײַן חבֿר מענדל, וואָס ער איז געווען און וואָס עס איז פֿון אים געוואָרן שפּעטער, העט־העט, אין אַ צײַט אַרום — איז טאַקע גאָטס נסים. נאָר אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקע קען מאַכן פֿון קליין גרויס, פֿון נידעריק הויך, כּמעט פֿון טויט לעבעדיק... נאָר מיר האַלטן נאָך דערווײַל פֿון פֿאָרנט (באַנד 19, ז' 61).

און לאָמיר טאַקע דערמאָנען, אַז דאָס זאָגט אונדז ניט „אונדזער חבֿר פּיניע", נאָר טאַקע מאָטל אַליין. און דאָס זענען ניט סתּם קיין רייד, נאָר שלום־עליכמס אָן אָנזאָג אויף וואָס ס'וועט געשען אין המשך פֿון בוך. שלום־עליכם האָט צום באַדויערן ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן דעם אַמעריקאַנער טייל פֿון מאָטל פּייסי דעם חזנס. בלײַבט אונדז בלויז צו גלייבן אויפֿן וואָרט, אַז ס'וואָלט זיך אים אײַנגעגעבן די קאָנצעפּציע צו אַנטוויקלען אויף אַ מער איבערצײַגעוודיקן אופֿן ווי אין די גאָלדגרעבער, מיטן געשטאַלט פֿון בעני בען,[41] ס'דאַרף אָבער קיין ספֿק ניט זײַן, אַז דאָס איז געווען די קאָנצעפּציע פֿונעם ניט־פֿאַרענדיקטן בוך. אין אָט דער ריכטונג האָט שלום־עליכם געפֿורעמט די געשטאַלטן פֿון די קינדערהעלדן. מאָטל און זײַן חבֿר מענדל האָבן געדאַרפֿט רעאַליזירן דעם אַמעריקאַנער חלום, וואָס זייערע עלטערן און עלטערע ברידער האָבן שוין ניט געקענט משׂיג זײַן.

ס'וועט, דאַכט זיך, ניט זײַן צו דערוועגט אַרויסצוזאָגן די מיינונג, אַז ס'וואָלט שלום־עליכמען ניט אָנגעקומען לײַכט צו רעאַליזירן די דאָזיקע קאָנצעפּציע, וואָס זעט אויס צו גראָדליניק, כּדי מ'זאָל מיט איר תּמיד קענען מצליח זײַן. אָן אַרײַנבליק אין איר קאָמפּליצירטער פּראָבלעמאַטיק קען מען געפֿינען אין דעם סיום פֿון שלום־עליכמס ראָמאַן בלאָנדזשענדע שטערן. אויך דאָ איז אין דעם געשטאַלט פֿון לעאָ ראַפֿאַלעסקאָ באַשריבן אַ ייִדישער יונגער־מאַן פֿון מיזרח־אייראָפּע, וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ גאָר גרויסן שוישפּילערישן טאַלאַנט, אַזוי ווי מאָטל איז אַ טאַלאַנטירטער צייכענער אָדער מאָלער. דער צײַטונג־נוסח פֿון ראָמאַן, האָט זיך געענדיקט מיט אַ העפּי־ענד: ראָזע ספּיוואַק קומט זיך סוף־כּל־סוף צונויף מיט לעאָ ראַפֿאַלעסקאָ. די פֿאַרליבטע און גליקלעכע ראָזע שרײַבט דעמאָלט אַ בריוו צו איר פֿרײַנדין:

> אַן אָנגעהויער גרויס קינד מיט זייער ווינציק בילדונג, נאָר מיט אַזוי פֿיל טאַלענט און הייליק פֿײַער, וואָס מיר אַלע דאַרפֿן זיך פֿון אים באַהאַלטן. זײַן אידעאַל איז די בינע, און זײַן צוועק איז דאָס ייִדישע טעאַטער צו רעפֿאָרמירן און אַוועקשטעלן עס אַזוי הויך, ווי מעגלעך. אויב דאָס וועט אים געראָטן — ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ער וועט זיך ניט

41. אויך אין דעם ניט־פֿאַרענדיקטן אַמעריקאַנער ראָמאַן דער מיסטייק שטייען אין צענטער געשטאַלטן פֿונעם זעלביקן מין. וועגן די צוויי רײַכע ברידער טשער, פֿרײַער טשערקאַסקי, ווערט דערציילט גלײַך אין אָנהייב: „צוויי זין — צוויי אויגן אין קאָפּ — מאָטל און חיים. וואָס וואָלט פֿון זיי געווען, ווען זיי פֿאָרן ניט אַוועק יונגערהייט (אונטערגעשטראָכן ח.ש.) קיין אַמעריקע צו אַ לאַנדסמאַן, אַ ווײַטן קרובֿ אויף אַ שטעלע?" סאָוועטיש היימלאַנד, 2 (1961), ז' 94.





> אָפּשטעלן אין האַלבן וועג. און איך — וויפֿל עס וועט זײַן געווענדט אין מיר — וועל איך אים מיטהעלפֿן זײַן ציל צו דערגרייכן.[42]

דער לייענער ענדיקט דאָס בוך מיט אַ גוט געפֿיל און וויל טאַקע גלייבן, אַז ראַפֿאַלעסקאָ וועט מצליח זײַן און רעפֿאָרמירן דאָס ייִדישע טעאַטער אין אַמעריקע מיט ראָזעס הילף.

שלום־עליכם האָט מן־הסתּם אַרויסגעפֿילט, אַז ער פֿאַרפֿירט דאָ דעם לייענער מיט גוטע ווונטשן, וואָס האָבן ניט קיין האַפֿט אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער רעאַליטעט. ער האָט דעם סיום פֿונעם ראָמאַן געביטן. ראַפֿאַלעסקאָ מיט ראָזען האָבן זיך „נאָר באַגעגנט". זיי ווילן זיך אָבער ניט „צוזאַמענקומען". „צו שפּעט האָבן זיך באַגעגנט די בלאָנדזשענדע שטערן".

אויך לגבי ראַפֿאַלעסקאָס צוקונפֿט האָט שלום־עליכם געהאַלטן פֿאַר נייטיק אַרײַנצוטראָגן אַ גאָר ראַדיקאַלן שינוי. פֿון די לעצטע זײַטן פֿון בוך דערוויסן מיר זיך, אַז ראַפֿאַלעסקאָ וועט גאָר ניט פּרוּוון רעפֿאָרמירן דעם ייִדישן שונד־טעאַטער אין אַמעריקע. פּונקט ווי ראָזע ספּיוואַק, פֿאַרלאָזט ער די ייִדישע סבֿיבֿה; ער „איז אַרײַנגעטראָטן אין איינעם פֿון די גרעסטע היגע ענגלישע טעאַטערס".[43]

איןביידע פֿאַלן וועט ראַפֿאַלעסקאָ, דער יונגער טאַלאַנט, מצליח זײַן אין אַמעריקע, ווערליך דער אונדז שוין גוט באַקאַנטער קאָנצעפּציע. שלום־עליכם האָט זיך אָבער געוואַקלט, ווו די הצלחה איז מער געזיכערט. ער האָט סוף־כּל־סוף באַשלאָסן, אַז אין ענגלישן טעאַטער. ס'דאַרף דערבײַ קיין ספֿק ניט זײַן, אַז דאָס אָפּהאַקן דעם ראָמאַן בלאָנדזשענדע שטערן איידער ס'ווערט קינסטלעריש רעאַליזירט דער וועג צו ראַפֿאַלעסקאָס הצלחה, בײַ ייִדן צי בײַ גויים, איז אַ פּועל־יוצא פֿון דער גאָר פּראָבלעמאַטישער קאָנצעפּציע פֿון דעם פּאָזיטיוון העלד אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, פֿאַר און נאָך שלום־עליכמען.

און אפֿשר האָט ער צוליב די זעלביקע סיבות ניט פֿאַרענדיקט סײַ מאָטל פּייסי דעם חזנס און סײַ דעם ראָמאַן דער מיסטייק, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן ענלעכע פּראָבלעמען און שוועריקייטן. אין די בלאָנדזשענדע שטערן האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע שלום־עליכמס קאַרגע אמונה אין דער צוקונפֿט פֿונעם ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע, ווי אויך די אַמאָליקע חשבונות מיטן ייִדישן טעאַטער, בשעת זײַן ערשטן וויזיט אין ניו־יאָרק. מיט אָט דעם ענין הייבט זיך שוין אָבער אָן אַן אַנדערע פּרשה פֿון דער גאָר ברייטער טעמע „שלום־עליכם און אַמעריקע".

42. בלאָנדזשענדע שטערן, ניו־יאָרק 1912, ז' 477.

43. בלאָנדזשענדע שטערן, צווייטער טייל, נע ונד, וואַרשע 1922, לויטן סדר פֿון די ציטאַטן זז' 494, 390.